ער איז אין יענע טעג געווען ווי אַן אינסטרומענט — ראָמאַנטיש אָנגעצויגן — וואָס האָט געוואַרט אויף זיין מייסטער...

דעמאָלט האָט זיך שעוועל געכאַפּט, אַז זיין בילדונג באַפרידיקט נישט מער די באַדערפענישן, וועדליק צו הייגטיקע צייטן. די לערערין זאַלצמאַן האָט מסכּים געווען צו געבן אים עטלעכע לעקציעס אַ וואָך.

— שעוועל קלייבט זיך צו ווערן אַ פּראָפעסאָר — האָט מיר יאָשקע געלאָזט וויסן, וואָס אויף „יענער זייט" קומט פאָר.

יאָשקען האָבן אויך עלטערע גימנאַזיסטן געגעבן לעקציעס, אין פּויליש און העברעאיש. זיין באַמערקונג איז דערפאַר געווען אָן סאַרקאַזם, אדרבא — ער איז געווען צופרידן, וואָס שעוועל מאַכט אים נאָך.

— די צייט פאַרלאַנגט, אַז אַ מענטש זאָל וויסן אַביסל מער ווי ער ווייס — האָט שוין יאָשקע מעשה פילאָסאָף פאַרענטפערט זיין באַמערקונג, און דו ווייסט דאָך יאָ, אַז צופיל האָבן מיר ביידע נישט געלערנט.

אויף וויפל איך האָב געדענקט פון שול נאָך, איז שעוועל נישט געווען פון די גוטע שילער און אויב ער קאָן אָניאָגן, ווערט עס אים נישט שאַטן. דאָס האָב איך געקאָנט ענטפערן.

אָבער צופיל סימפּאַטיע האָב איך נישט געהאַט פאַרן בחור, און דאָ האָט זיך געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט עס צו לאָזן וויסן:

— ער האָט אוודאי איבערגעלייענט אין פאַראיין די לאָזונג פון קאַרל מאַרקסן, אַז: וויסן איז מאַכט. צו וואָס זשע דאַרף שעוועל איצט מאַכט, אַז סאָניע איז נישטאָ מער...

— קענסט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די אַלטע מעשה — האָט יאָשקע נישט געקאָנט פאַרשווייגן מיין שטאָך.

נאָך דעם, ווען ער האָט זיין חוב לגבי דעם חבר אָפּגעטאָן, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר נויטיק אויך מיר צו געבן אַ לעקציע וועגן די „פאַקטן פון לעבן":

— מיט אַ מיידל ביסטו קיינמאָל נישט זיכער. זי קוקט אַלע מאָל אַריבער דיר, און אויף דער אַנדערער זייט קאָן זיך אַלע מאָל געפינען עמיצער, וואָס געפעלט איר בעסער ווי דו.

וואָס ער האָט געמיינט איז פאַר מיר געווען נישט אינגאַנצן קלאָר, אָבער ס'איז געווען גלייכער נישט איבערצופרעגן, טאָמער קאָן עס מיך שפּעטער פאַרדריסן...

*

דער פאַרק וואָס האָט זיך געצויגן אַרום דער אָזיערע, האָט געהערט צום אַלטן גראַף, אָבער ער האָט קיינעם נישט געשטערט אַרומצושפּאַצירן אין אים און געניסן פון שאָטן פון די צעצווייגטע קלאָנען און אַלטע דעמבן.

איז דער שילער און די לערערין געגאַנגען שפּאַצירן אין פאַרק, אין די פריע אָוונט שעהן.

די לערערין האָט באַנומען, אַז אויסער וויסן, וואָס איז אים נויטיק, זוכט דער שילער אַן אָפן אויער, פאַר וועמען זיך אַראָפּצורידן פון האַרצן, האָט זי אים געלאָזט רידן. אַ שותּף צו זיין בענקשאַפט — האָט זי זיך דערפילט יינגער, און אַ נישט פאַרלאָשענע קויל וואָס האָט אין איר געטליעט, האָט זיך גענומען צעבלאָזן אין אַ פלאַם, וואָס האָט באַלויכטן די נישט־אויסגעלעבטע געפילן.

דער בחור האָט איר אימפּאָנירט. כּוח האָט געשפּראָצט פון אַלע זיינע גלידער. די האַנט, מיט וועלכער ער האָט איר צופעליק באַרירט — האָט געבריט. אין דעם טונקעלן

שפיצט. איר גאַנג איז נאָך אַלץ געווען אַן אײַליקער, נערווועזער.

די משפחה אירע — א מאַמע, אַ ברודער און שוועסטער — זענען געווען אָרעם. דער פֿאָטער האָט געשטאַמט פֿון טיף פּוילן און האָט געמוזט צוריקפֿאָרן אַהין, ווײַל אין שטעטל האָט ער מער נישט געקאָנט פֿאַרבלײַבן, צוליב אַ מעשׂה מיט „אַמעריקאַנער כּלות״.

נעמען דער משפּחה צו זיך — האָט ער קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט.

מיר האָבן זיך דערפֿון קיין ווערן נישט געמאַכט. נאָך אַלעמען — דאָס איז נישט פֿאַרלאָפֿן אין אונדזער צײַט. וועגן די פּרטים האָבן אַפֿילו די דערוואַקסענע זעלטן דערמאָנט.

יאָרן זענען פֿאַרבײַ. בײַ סאָניען האָט זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעוועבט דער פֿאַרדאַכט, אַז עמעצער קאָן איר וועלן אויסמײַדן צוליב דעם.

אין דעם ענגן צימערל ווו זיי האָבן געוווינט זאַלבאַפֿערט, איז שוועל געווען אַן אָפּטער אַרײַנגייער. אפשר צו אָפֿט, ווײַדליק עס פֿירט זיך צווישן בלויז באַקאַנטע.

צוערשט איז סאָניע נישט געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דעם, ווי די זאַך צווישן זיי אַנטוויקלט זיך. נאָך אײדער וואָס, ווען — האָט זײַן משפּחה גענומען איר צוטוליען, ווי אַן אײגענער.

איז דאָך שוועל געווען דאָס מוזיניקל; איינער וואָס האָט שוין געלערנט אין די קלאַסן. . .

— זיי ווילן מיך קויפֿן — האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַליין נישט וויסנדיק צו וועמען . . .

דערוואַכטע אינסטינקטן האָבן זייערע אײגענע וועגן צו דערגרייכן און באַפֿרידיקן די שטרעמונגען, וואָס עס איז זיי אָנגעאַרטרויט געוואָרן — א שטרעבונג צום ציל פֿון דערנענטערן די מינים. די נאַטור דערוואַרט די פֿאַרמערונג פֿון די מינים — און אויב מענטשן ווילן עס אײַנוויקלען אין א באַשטימטער עסטעטיק, און אָנרופֿן ליבע, איז אדרבא . . .

און ווײַל סאָניע האָט קיין אַנדערע חברים נישט געהאַט, איז זי מיט שוועלן געוואָרן נאָענט, און נענטער . . .

די זומערדיקע נעכט אַרום די הינטערשטאָטישע סעדער האָבן זיי אײַנגעהילט אין טונקעלער סודותדיקייט. די געפֿילן צעוואַרעמט מיט יוגנטלעכן רייץ — ביז פֿאַרגעסונג — זענען געווען דער בליץ, נאָך וועלכן עס קומט דער זומערדיקער רעגן . . .

ערגעץ ווו אָבער, אין איר הינטערבאַוווסטזײַן, האָט זיך א כּוח אַנטקעגנגעשטעלט אָט דער נאָענטקייט, אין וועלכער עס האָט געפֿעלט די באַרעכטיקונג אָדער די פֿאַראַנטפֿערונג. דאָס געפֿיל פֿון וועלן זײַן תּמיד צוזאַמען; פֿון וועלן אויפֿסנײַ אַנטדעקן איינער דעם צווייטן; פֿון האָבן די פֿינגער פֿאַרקלעמט אינײנעם און פֿילן דורך זיי דעם פּולס פֿון קלאַפּנדיקע הערצער.

עס האָט געפֿעלט די באַדערפֿעניש פֿון וועלן זיך אויפֿלייזן. די אויפֿלייזונג איז אָנגעטראָגט געוואָרן דורך אַנדערע אימפּולסן — וועלכע זי האָט נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און דאָס האָט איר אויך געאַרט.

דער ריס צווישן אונדז האָט זיך מער נישט פֿאַרהײלט. קײנער האָט מער נישט געהאַט קיין באַדערפֿעניש דערפֿאַר. סאָניע איז געוואָרן דער צענטער אַרום וועלכן שעוועלס לעבן האָט זיך געדרייט.

מײַן פֿרײַנדשאַפֿט איז זיי בײדן מער נישט נייטיק געווען . . .

שוועל האָט געהאַלטן הויך דעם קאָפּ, און אַפֿילו מער נישט געקוקט אין מײַן זײַט, ווען מיר האָבן זיך צופֿעליק באַגעגנט.

סאָניע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מידליש־דעליקאַטער. אירע צעפּ האָבן באַקומען א גאָלד־קאָליר. אין איר האָט זיך צעוואַקסן א יונגע פֿרוי. זי האָט באַקומען א רונדן בוזעם, וועלכער איז איר פֿאַרויסגעגאַנגען און זיך אָנגעזען. בלויז אין איר גאַנג איז פֿאַרבליבן די אַמאָליקע נערוועזיטעט, פֿון וועלכער זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען.

אין טאָג איז עפּעס געשען, וואָס האָבן אַלע די, וואָס האָבן זיי געקאָנט געלאָזט ממש אָן לשון. ס׳איז אַנטשטאַנען א סיטואַציע, וואָס איז נישט געווען פֿאָרויסצוזען, און געבליבן — אָן אַ באַשייד.

— נו, וואָס זאָגסטו אַבינד? האָט מיר יאָשקע ידידיהס א פֿרעג געטאָן, כאָטש ער איז נאָך אַלץ געווען שוועלס חבֿר, האָט ער מיט מיר אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן.

איך האָב אָנגעשטעלט אויף אים מײַן בליק, וואָס האָט אים אויסגעזען נאַאיוו. עס האָט זיך אים נישט געגלויבט די דאָזיקע נאַיוויטעט, און געמיינט האָט ער, אַז עס איז בלויז אַן אָנשטעל אַזאַ פֿון מײַן זײַט.

— וואָס זאָל איך זאָגן, פּונקט איצט? וועגן וואָס?

די צײַטן זענען געווען אומרואיקע, ספּעציעל פֿאַר ייִדן. ווײַדליק די צײַטונגען איז א מלחמה נישט געווען צו פֿאַרמײַדן. סטודענטלעך, וואָס זענען געקומען אַהיים פֿון לעמבערג און וואַרשע, האָבן שוין באַוויזן א היפּש ביסל גיפֿט אַרײַנצולאָזן אין המון.

יאָשקען אַליין האָב איך שוין אויך נישט געזען אַ פּאָר וואָכן, און בין געווען זיכער, אַז דאָס וויל ער וויסן, וואָס עס גײט איבער דער ראַדיאָ, איבערהויפּט ווען ער האָט געוווּסט, אַז איך הער די סאָוועטישע נײַעס אויך.

— ווייסטו טאַקע פֿון גאָרנישט? האָט ער נישט געוואָלט מיר מוחל זײַן מײַן נישט וויסן — פּונקט ווי מײַן איגנאָראַנץ וואָלט געווען א מאָראַלישע זינד. — סאָניע און איר משפּחה זענען אָוועקגעפֿאָרן צו איר טאַטן — האָט יאָשקע אַרויסגעשאָסן אין איין אָטעם. — אָן א זײַ געזונט! — און שוועל? — האָב איך, מיט געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט אַ פֿרעג געטאָן.

— מ׳שמועסט ער וועט נאָכהער אַהינפֿאָרן. ער אַליין אָבער איז שטום ווי די וואַנט . . .

— וואָס האָט קאַליע געמאַכט דעם שידוך? האָב איך שוין גענומען אַרויסווײַזן א שטיקל אינטערעס, נישט

אזוי צוזאגן — איינקווארטירט מיט ארבעט, א ברויט־קארטל. אפשר האט זי מיך גאר מקנא געווען — א מענטש האט שוין א שטיקל מקום, און זי מוז זיך נאך שלעפן ווער ווייס וואוהין.

עטלעכע פראגן זענען ביי מיר געזעסן אויפן שפיץ צונג, נאר גיי פרעג עפעס, ווען יענע זיצט אין טיר פון א משא־וואגאן, אויס מורא טאמער נעמט דער צוג רירן. און בכלל — אויב אפילו יא — וואס גייט עס אייגנטלעך מיר אן... אין אנבליק פון דער סיטואציע האט עס אייגנטלעך מער קיין באדייטונג נישט געהאט. — איך גלויב — איך וועל דא בלייבן אזוי לאנג, ווי ס'וועט זיך לאזן. אין דעם מאמענט בין איך שוין נישט געווען מער זיכער אין דער מעגלעכקייט פון שנעלן נצחון, וועלכן די סאוויעטן האבן פארזיכערט. דער פראנט קאן זיך אויך אהער דערנענטערן.

— יא, מירן בלייבן, ווי לאנג ס'וועט זיך נאר לאזן...

דאס איז געווען די לערערין פון דער שול, וואס איז מיטן מאן און דער טאכטער אנגעקומען אין שטעטל, אפשר א יאר פריער, איידער די סאוויעטן האבן עס פארנומען.

— איך בעט אייך, אויב מיין מאן פארט דא פארביי, און איר באגעגנט אים, זאגט אים אז מיר זענען געפארן ווייטער...

אוועק בין איך שוין געגאנגען באגעגענען די עשא־לאנען נישט צוליב נייגעריקייט, נאר טאקע מיט א שליחות — פון פאראייניקן א משפחה.

אגב בין איך נישט געווען דער איינציקער, וואס האט עמעצן ארומגעזוכט. ארום די וואגאנען האט געווימלט מיט מענטשן וואס האבן געהאלטן אין איין פרעגן: פון וואנען? וואוהין? עמעצן באגעגנט?

צוזאמענגנס, ווי נאר כ'האב גענומען גיין הין און צו־ריק איבערן פעראן און פאנאנדערפרעגן: פון וואנען קו־מען מענטשן? האבן זיי מיך באמערקט און באלד צוגעפאלן צו מיר, ווי איך וואלט געווען זייער איינציקע מעגלעכע האפענונג:

— האסטו אפשר געזען דא דורכפארן די לערערין האלצמאן און איר טאכטער?

כאטש איך האב דערווארט אזא מין פראגע, בין איך אבער געווארן איבערראשט, ווען כ'האב אנגעקוקט דעם, וועלכער האט מיך פארהאלטן מיט דער דאזיקער פראגע.

דאס איז געווען מיין חבר פון דער פריער יוגנט — שעוועל, מיט וועלכן איך האב שוין נישט געזעהן א יאר זעקס, אדער זיבן. צוזאמען מיט אים איז אויך געווען דער לערערינס מאן.

אין מיטן פון דער מלחמה האט שוין נישט געהאט קיין זין אויפצוהאלטן די דיסטאנץ פון זיין צעקריגט.

— ערשט נעכטן זענען זיי דא דורכגעפארן אין דער ריכטונג פון טאמבאוו.

זיי האבן מיר נישט באדאנקט. זיי האבן אפילו נישט געפרעגט וועגן מיר און מיין משפחה. זיי האבן זיך א לאז געטאן צום וואגאן מיט מיין אינפארמאציע, ווי מיט אן אוצר, וואס מ'קאן ביי זיי יעדע רגע צורויבן. א ווילדע שפעטער האט דער צוג, מיט א שווערן סאפען זיך געלאזט אויף זיין מארשרוט.

✶

שעוועל און איך זענען געווען יונגע יינגלעך, ווען מיר האבן פארענדיקט די שול. נישט מער — ער איז געווען א צוויי יאר עלטער, און די דאזיקע צוויי יאר זע־נען געווען א מין באריער צווישן אונדז.

פון צווישן די מיידלעך וואס זענען געווען אין אונ־דזער קלאס, האט זיך אויסגעטיילט סאניע — א הויך, דאר מיידל מיט פלאקסענע צעפ. מיט איר האב איך זיך געפילט מער היימיש, מחמת זי האט געהאט א סך שטיפ־פערישע יינגלשקייט אין זיך, און איז נישט אפגעשטאנען פון אונדז.

וואס שעוועל האט געטראכט וועגן סאניען, און ווי ער פארקוקט זיך אויף אירע יינגלשע שטיפעריִיען — דאס האט ער מיר קיינמאל נישט פארטרויט. אפשר דערפאר וואס ערשט עטלעכע יאר נאכן פארענדיקן די שול, האט סאניע גענומען ארויסווייזן מיידלשע שטריכן. נאר מיר זענען דאן שוין נישט געווען מער קיין חברים.

אבער נישט צוליב סאניען.

דאס האט שוין געהאט צו טאן מיט די רייבונגען ארום פראבלעמען; מיינונגס פארשידנהייטן, וואס זענען א ביי־פראדוקט פון געזעלשאפטלעכער ארבעט.

אויך מיר, די אונטערזואקסנדיקע אביטוריענטן, און די צוקונפטיקע טוער, האבן דערווייל מיט יוגנטלעכן ברען פארנומען פאזיציעס — אונטערשטיצנדיק די מיי־נונגען פון די עלטערע. דאס האט אונדז צעשיידט.

סאניע איז געבליבן אויף שעוועלס זייט פון דער „באַ־ריקאדע". און כאטש די עלטערע זענען אפשר אין א יאר ארום געקומען צו אן אויסגלייך — צווישן אונדז איז די פרעמדקייט פארבליבן.

שעוועל איז דערווייל אויסגעוואקסן א פעסטער בחור, און האט שוין געארבעט ביי סטאליערי. דער ענין מיט סאניען האט אנגענומען אן ערנסטן כאראקטער — אזוי האט עס מיר, דעם דרויסנדיקן, אויסגעזען.

זי איז שוין דאן געווען א מיידל פון א יאר זיבעצן, און ער — קנאפע ניינצן.

צוליב דער זעלבער סיבה האב איך אויך מיט סאניען פארלוירן דעם קאנטאקט, כאטש פון צייט צו צייט האבן מיר זיך באגעגנט און פארבייגעגאנגען, ווי פרעמדע.

סאניעס פריינדשאפט איז מיר געווען א שאד. אבער אין יענע יארן איז דער פרינציפ געווען דאס הייליקע געבאט פון אויספרוון א מענטשלעכן כאראקטער און צו באווייזן דעם פעסטן ווילן, האט מען געמוזט א סך אויפ־געבן...

קיין שיין מיידל, ווערדליק מען שאצט אפ מיידלעך — איז סאניע נישט געווען. איר פנים האט סיי ווי איינגע־האלטן די שארפע שטריכן פון איר קינדהייט. איר בליק איז געווארן א זוכנדיקער, א דורכדרינגלעכער — אנגע־

מאַרק בעזוּבני

# דער מאַן אין צווישן...

**— דערציילונג —**

די סאָוויעטיש־דײַטשע מלחמה איז שוין אַריין אין דער דריטער וואָך. לויט מאַקאַרעצקין, דעם נאַטשאַלניק פון פּראָדסנאַב איז אויסגעקומען, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט געדויערן, וואָרעם וואָס פאַר א ווערט האָבן די דײַטשן בײַ די רוסן מיט זייער קריגס־טעכניק.

נו, אויף מאַקאַרעצקיס מיינונג האָט מען קנאַפּ וואָס זיך געקאָנט פאַרלאָזן.

ערשט א ווינטער פריער, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־פינישע מלחמה האָט מאַקאַרעצקי פאַר־זיכערט:

— מיט די היטלען וועלן מיר זיי פאַרוואַרפן — וואָס פאַרא ווערט האָבן זיי בײַ אונדז.

גאָר ווען די מלחמה האָט געדויערט נישט מער ווי אײן וואָך, האָבן זיך באַלד געמאַכט לאַנגע רייען בײַ די ברויט־קראָמען, און מאַקאַרעצקי האָט זיך נישט געקאָנט אַן עצה געבן מיט דער צושטעלונג.

— פּשוט סאַבאָטאַזש, נישט צו פאַרשטיין — האָט ער זיך דאַן געקאָכט — כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט ווער עס מאַכט סאַבאָטאַזש און וועמען קאָן ער נישט פאַרשטיין...

מאַקאַרעצקי דער ווײַס־רוס, האָט גערעדט א נישקשה־דיקן ייִדיש. פאַר דער רעוואָלוציע איז ער געווען א גע־זעלן בײַ א מינסקער ייִדישן שוסטער, און ער איז געווען אַ ביסל מער צוגעלאָזן, ווי די אַנדערע אַראָפּגעקומענע פאַרטייער.

— אָבער וואָס טוט מען דערווײַל?

— דערווײַל, ברודערקע — טו, וואָס אַלע טוען — וואָס ווײַטער פון פראָנט איז געזינטער. דאָרטן, אין טיל — וועלן מיר שוין זען. די פאַראָרדענונג פון צענטער — האָט ער שוין פאַרטרויליך צוגעגעבן — איז עוואַקואַציע מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. דאָס מיינט — צי ברו־דערקע...

דער אינסטינקט פון זוכן שוץ פאַרן אומבאַקאַנטן, האָט געטריבן אין דער וועלט אַריין.

אין דעם פליטים געלויף האָבן מיר שוין באַוויזן צו דערגרייכן אַ באַן־סטאַציע אויף דער מאַגיסטראַל מיטשו־רינסק - טאַמבאָוו, וואָס האָט געטראָגן דעם אימפּאָנירנדיקן נאָמען: באַגאַיאַוולענסק.

דאָס איז נישט דווקא געווען די פּאַסיקסטע צייט צו דערגרונטעווען זיך אין דעם ענין: צי האָט גאָט זיך טאַקע געיאַווועט אויף דעם אָרט — אָבער — כ'האָט מיר צו־געזאָגט זיך איבערצופרעגן געניי, וועגן אָט דעם נס.

דערווײַל האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער אָרטי־קער עמ.טע.עס. מיט דער האָפענונג, אַז אפשר איז דאָס מאָל מאַקאַרעצקי גערעכט, און אַז גאָר בקרוב וועלן מיר קאָנען זיך צוריקקערן אַהיים.

דערווײַל זענען די עשאַלאָנען מיט עוואַקואירטע גע־לאָפן נאָכאַנאַנד פון ווײַסרוסלאַנד, טיפער אין לאַנד אַריין.

אין פליטים געלאַף האָט יעדער געזוכט א באַקאַנט פּנים; אַ באַדערפעניש צו זען עמעצן אַ נאָענטן, וואָס איז אַנטרונען אין דער סאַמאַטאָכע, און מיט זייטיקע וועגן זיך דערשלאָגן צו אַ באַן־סטאַציע; פילן, אַז מען איז נישט אַליין — אַ קערענדל זאַמד אין דעם ווירבל־שטורעם.

אין איינעם א פאַרנאַכט, נישטערנדיק צווישן די וואַרטנדיקע וואַגאָנען, אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן, האָב איך אינסטינקטיוו דערשפּירט, ווי עמעצער קוקט מיר נאָך.

איך האָב זיך אויסגעדרייט, און דערזען:

אין א טיר פון א משא וואַגאָן איז געשטאַנען א פרוי און א יונגע מיידל, אויף וויפל איך האָב זיך אָריענטירט, איז עס געווען איר טאָכטער.

די דאָזיקע פרוי האָט געוווּסט ווער איך בין, און נאָ־טירלעך — איך האָב געוווּסט ווער זי איז, כאָטש איך האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, צי האָב איך אַ מאָל מיט איר אויסגעטוישט צוויי ווערטער.

אָבער דאָ, אין דער ווײַטער פרעמד האָט זי אין מיר דערקענט אַ היימישן. פון מידקייט, פון זען אַזוי פיל מענטשן אין אַזאַ קורצער צײַט, איז זי בײַ זיך נישט אינ־גאַנצן זיכער געווען, אַז דאָס איז טאַקע דער זעלבער, וועלכן זי האָט געדענקט פון שטעטל.

דאָך האָט זי אײַנגעשטעלט א פרעג צו טאָן:

— ווי לאַנג זענט איר שוין דאָ?

— אַ פּאָר טעג ערשט. און ווען זענט איר אַוועק פון שטאָט?

ווײַזט זיך אַרויס, אַז כמעט אין דער זעלבער צײַט וואָס מיר, נאָך צוליב די אומוועגן האָט עס געדויערט לענגער צוצוקומען צו אַ באַן־סטאַציע.

— וואוהין פירט איך דער צוג? — האָב איך שוין גע־פּרובירט אָנקניפּן א שמועס.

— דאָס ווייסן מיר נישט. דעם מאַן האָב איך ערגעץ ווו פאַרלוירן, ווען מען האָט באָמבאַרדירט מאָהילעוו און ווי לאַנג בלייבט איר דאָ?

די פרוי האָט זיך געוווּנדערט וואָס איך בין שוין דאָ,

אַלץ נידעריקער צום האָריזאָנט, ס'ווערט שוין אַביסל קילער. דער עולם הייבט זיך אָן צו קלייבן אַהיים צו גיין: מ'טוט אָן די רעקלעך, סוועטערס, מ'לייגט צונויף די אויסלייג־שטולן. מ'גייט צו די אויטאָס.

... ווידער ווערט שטיל אין פּאַרק. די אַלטעביימער ווערט אומעטיק, זייער „קאָמפּאַניע" זייערע פריינד, גייען אַוועק און לאָזן זיי איבער אַליין.

מאָרגן אָבער, אויב עס וועט זײַן א שיינער וועטער, וועלן זיי ווידער קומען און ווידער אָנפילן די לופט, די פרישע פּאַרק־לופט מיט זייערע דערציילונגען, זכרונות און אײַנדרוקן און עס וועט ווידער ווערן פריילעך אין קאָולפילד־פּאַרק...

זיך אָן די הויכע שײנדל — זינט ער איז געגאַנגען „רעד־טייערן" מאַכט ער מיר דעם טויט. ער איז געוואָרן אַזוי קאַפּריזנע, גאָרנישט שמעקט אים נישט. יעדן טאָג וויל ער נייע „בלודעס". ער איז געוואָרן אַזוי „וויבערדנע" אַז עס איז נישט אויסצוהאַלטן.

דאָ וואַרפֿן שוין אַריין אַ וואָרט אַנדערע פֿרויען: וואָס זיי קאָכן? ווי אַזוי זיי קאָכן? און וואָס זייערע מענער האָבן ליב צו עסן.

מיסיס זיידנצייג, וואָס קען טאָן דריי מלאכות מיט אַמאָל: שטריקן, רעדן און הערן וואָס יענער רעדט, באַ־רימט זיך וואָס פֿאַר אַ בריה זי איז אין נייען, שטריקן, אויסנייען און וואָס נישט?

— אַז מ'האָט שלעכטע שכנים, לויבט מען זיך אַליין — וואַרפֿט אַריין אַ צווייטע אַ ווערטל מיט אַ שמייכעלע.

עס ווערן אויך אַרומגערעדט אַנדערע ענינים ווי אָנ־טועכטס, „פֿעשן", טייל רעכענען אויס וויפֿל קליידער, מאַנטלען יעדע האָט, וואָס פֿאַר אַ צירונג. אויך באַרימט מען זיך מיט מתנות פֿון די קינדער צו די „בערטסדייס" אָדער „אַניווערסעריס". מ'רעדט אויך אויף קולטור־עלע טעמעס: וועגן העפֿלעכקייט, אָפֿטמאָל וועגן ביכער און טעאַטער אָדער קינאָ פֿאָרשטעלונגען. אויך דרייען זיך די געשפּרעכן וועגן „סעילס". וואָס פֿאַראַ מציאות מ'האָט איינגעהאַנדלט? אָדער מ'רעדט אַביסל רכילות: וואָס יע־נער האָט געזאָגט? וואָס יענער האָט געמיינט? וואָס יענער האָט געטאָן? צי איז יענער אַ „באַביאַש"? ס'איז שטענ־דיק דאָ פֿיל צו דערציילן און איינע וויל איבערשטייגן די צווייטע מיט איר „בריטן האָריזאָנט" און קענטענישן אויף אַלע געביטן. אַלץ ווערט דערציילט מיט אַ פֿרום מי־נעלע, ווי מען מיינט נישט יענעם, חלילה, נאָר ס'איז געקו־מען צו רייד...

ביי די מענער, אין זייער קרענצל, איז די הויפּט־טעמע פּאָליטיק: צי האָט מען געדאַרפֿט אָדער נישט גע־דאַרפֿט די לבנון־מלחמה? צי וועט זיך די אחדות־רעגירונג לאַנג האַלטן? ווי שטאַרק איז די „מידיאַ" אַנטי־ישׂראל־דיק?

אַ באַליבטע זאַך איז צו דערציילן זכרונות און על־טערע מענטשן האָבן דאָך וואָס צו דערציילן:

— יידן אין פּוילן האָבן זיך געשראָקן צו גיין אין מיליטער — דערציילט מיסטער עפּלזאַפּט — עס איז דאָרטן גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. עס איז טאַקע געווען גאַנץ גוט. איך בין אַוועק צום מיליטער דאַר, אויסגעמאַגערט, ווי אַ שטשעפּאַק און כ'בין צוריקגעקומען מיט אַזעלכע פּיסקעס (ער בלאָזט אָן די באַקן און וויזט די „פּיסקעס"). עס איז דען געווען אַ וווּנדער? מ'האָט דאָך דאָרטן געגעבן צו פֿרעסן, ממש צו פֿרעסן. די סוף איז געווען מיט אַזעל־כע „סקוואַרקעס" (ער וויזט מיט די הענט די שטיקער חזיר־פֿעטס). מ'האָט טאַקע געזאָגט, „געצוויטשעט" (גע־איבט), אָבער מ'האָט געגעבן צו פֿרעסן.

אַ גוטע טעמע איז אויך וועגן די דייטשישע לאַגערן און אויך וועגן די רוסישע לאַגערן.

די. וואָס האָבן געהאַט אייגענע „ביזנעס", ווי „מילק־באַרס", פּרוכט־געשעפֿטן. זיי האָבן צו דערציילן:

— דאָס ערגסטע איז צו האָבן צו טאָן מיט די ייִדי־נעס, מיט די ווייבערישע קונים, זיי זוכן ביליק און גוט. קען דאָס מעגלעך זיין? זיי טאַפּן אַדורך אַלע בילקעלעך. יעדעס בריטל. פֿרעגן הונדערט מאָל וויפֿל עס קאָסט, און צום סוף קויפֿן זיי אַפֿילו נישט. — און ביי מיר אין דער פּרוכט־שאָפּ מיינט איר איז געווען בעסער? — רופֿט זיך אָן הערשל דער פּרוכטער — יעדעס עפּעלע און נאָך ערגער יעדער טאָמאַטאָ, פּאָמידאָר, איז געוואָרן פֿון זיי טויזנט מאָל געקוועטשט. ס'איז אויך געווען ביי מיר אַזאַ פֿיינע, גרויסאַרטיקע מאַדאַם, וואָס קויפֿן האָט זי טאַקע געקויפֿט נישט ביי מיר, נאָר ביים גרעק, נאָר איר קאַר, אַ גרויסן „סטיישן־וואַגן", האָט זי געשטעלט נעבן מיין פּרוכט־שאָפּ און יעדן יום טוב האָט זי מיר נאָך צוגעווינטשן מיט איר זיס שמייכעלע: „אַ גוטן פּסח! אַ גוט יאָר!" נו, האָט נישט געקענט די גאַל פּלאַצן?

עס גייט אויך אַוועק אַ גערייד וועגן ייִדישע „באָסעס" ביי וועמען עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אַלס לויך־אַרבעטער.

— זיי האָבן זיך בעסער באַצויגן צו נישט־ייִדישע אַר־בעטער — זאָגט מיסטער האַמערקלאַפּ — צו ייִדישע אַרבעטער האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע חוצפּה.

עס ווערט אויך גערעדט וועגן קינדער און אייניקלעך. טייל לויבן זייערע קינדער אין טאָג אַריין און אַנדערע, כאָטש שטאַרק בסוד, זענען נישט אַזוי צופֿרידן פֿון זיי־ערע זין און טעכטער.

די באָבעס באַווייזן זיך מיט די פֿאָטאָס פֿון זייערע אייניקלעך דערביי לייכטן זייערע אויגן און ברייטע שמייכלען צעגיסן זיך איבער זייערע פּנימער.

— און אייערע אייניקלעך טראָגן זיך אויך אַרום מיט אייערע פֿאָטאָס? — וואַרפֿט אַריין עמיצער מיט אַ גע־לעכטערל.

אויך אין פֿרויען־קרענצל ווערט באַרירט די פֿראַגן פֿון אַרבעט, „באָסעס", פּאָליטיק, זכרונות און אַנדערע פּראָבלעמען.

אַ טייל פֿון די עלטערע מענטשן אין קאָולפֿילד־פּאַרק באַטראַכטן דעם פּראָבלעם עלטער־„רעטייערמענט" פֿון פֿילאָסאָפֿישן שטאַנדפּונקט:

— צי דאַרף מען אויף די זאַכן קוקן, ווי איינער זאָגט: ס'לוינט שוין נישט אַרויסצוגיין פֿאַרברענגען? אַרויסצופֿאָרן אויף אַ רייזע קיין אויסלאַנד, אין לאַנד? צו משפּחה? — אָדער קוקן אויף דעם ענין פֿונעם שטאַנד־פּונקט „אַריינכאַפּן וואָס מער ווי לאַנג מען קען נאָך"?

יעדער צד פֿאַרטיידיקט זיין פּאָזיציע, זיין שטאַנד־פּונקט, זיין מיינונג...

די אַלטע ביימער איבערן פּאַרק הערן זיך אויפֿמערק־זאַם צו צו די געשפּרעכן פֿון די עלטערע מענטשן, פֿרויען און מענער. ביים קלענסטן ווינטל שאָקלען זיי צו מיט זייערע אַלטע בלעטער־קעפּ.

עס דערנענטערט זיך דער אָונט. די זון רוקט זיך

נישט אויפֿגעהויבן העכער. טראָץ דעם וווילשטאַנד, ווי אַן ענטפֿער אויף דער גרויסער נאָכפֿראַגע אויף קונסט איז געקומען אַ מאַסן־פּראָדוקציע, וועלכע האָט זיך צוגעפּאַסט צו די מיטלמעסיקע באַדערפֿענישן פֿון די מאַסן־קאָנסומענטן.

אַמאָל איז גוטע קונסט געווען נאָר צוטריטלעך פֿאַר אַ קליינער עליטע, וועלכע האָט זיך רעקרוטירט מערסטנס פֿון דער אַריסטאָקראַטיע. די לאַגע האָט זיך וויניק־וואָס געענדערט: זי איז נאָך אַלץ אַ פּראָדוקט, פֿון וועלכן עס געניסט אַ קליינע עליטע פֿון אַ. ג. „פֿיין־שמעקער".

ווי אַזוי באַציט זיך דאָס אויבנגעזאָגטע צו די ייִדן וואָס וווינען אין די וווילשטאַנד־לענדער? צום באַדויערן — אָבער נישט אומפֿאַרשטענדלעך — איז די לאַגע אַ גאַנץ ענלעכע בײַ ייִדן ווי בײַ נישט־ייִדן. עס איז באַקאַנט אַז פּראָפּאָרציאָנעל, לויט דער צאָל באַפֿעלקערונג, זענען ייִדן גרעסערע געניסער פֿון גוטער קונסט ווי זייערע שכנים. דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז אונדזער אייגענע פּראָפּאָרץ פֿון געניסער פֿון קונסט האָט זיך געהויבן אין פֿאַרגלײַך צו די צײַטן פֿון פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער ערשטער העלפֿט פֿון צוואַנציקסטן י. ה. האָט ייִדישע קונסט, ספּעציעל ליטעראַטור, דערגרייכט אַ הויכן ניווא. די צאָל קאָנסומענטן איז אויך געווען אַ גרויסע: עס איז אויפֿגעקומען אַ ברייטער, באַוווּסטזיניקער פֿאָלקס־שיכט וואָס האָט געהאַט אַ באַדערפֿעניש פֿאַר ייִדישער קונסט.

די באַציאונג צו קונסט בײַ ייִדן איז נישט קיין סך אַנדערש פֿון דער באַציאונג צו קונסט בײַ די נישט־ייִדן. מיר זענען געוואָרן ענלעך אין דעם זין פֿון פֿאַרברויך פֿון אַלע אַנדערע אַרטיקלען וואָס דער מאַרק שטעלט צו, און מיר זענען אויך ענלעך אין פֿאַרברויך פֿון קונסט. מיר האָבן די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו געניסן פֿון איר און מיר נוצן אויס די דאָזיקע מעגלעכקייטן. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך, ווײַל ווי אַנדערש מענטשן זאָלן נישט זײַן איינער פֿון אַנדערן ווערן זיי אַלע אין זייער אַ גרויסער מאָס באַווירקט פֿון די באַדינגונגען אין וועלכע זיי לעבן. און ייִדן לעבן הײַנט אין די זעלבע באַדינגונגען ווי זייערע שכנים.

פֿאַר דער מלחמה איז דער באַגריף „קליינבירגערלעך" באַנוצט געוואָרן אין געוויסע קרייזן אין אַ נעגאַטיוון זין. אונטער דעם איז פֿאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אַ מענטש אָדער אַ געוויסער קרײַז מענטשן, וועלכע מען באַצייכנט מיט דעם דאָזיקן באַגריף זענען פֿלאַך, אָן אידעאַלן, אָן גרויסע קולטור־השגות; אַז מאַטעריעלע ווערטן זענען פֿאַר אַזעלכע מענטשן די וויכטיקסטע ווערטן אין וועלכע זיי גלויבן און שטרעבן צו דערגרייכן. בײַם הײַנטיקן טאָג, אין די וווילשטאַנד־לענדער, לעבט אַ גרויסע צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג, אַפֿילו אַרבעטער און פּויערים, אַזוי ווי אַמאָל קליינבירגער. אַלע קענען זיך דערלויבן צו געניסן פֿון די אַרטיקלען וואָס זענען בנימצא אויפֿן מאַרק. מען קען דרייסט זאָגן אַז הײַנט איז די פּסיכיק אַפֿילו פֿון פֿאַבריק־אַרבעטער „קליינבירגערלעך" און האָט אָנגענומען די זעלבע אייגנשאַפֿטן ווי עס האָט אַמאָל געהאַט דאָס קליינבירגערטום.

ייִדן זענען אין די לענדער נישט קיין אויסנאַם. אויב מיר זענען עס יאָ איז עס נאָר אין דעם פּרט וואָס עס איז הײַנט בײַ אונדז פֿאַראַן אַ זייער קליינער אַרבעטער־דזשער פּסיכיק איז די פֿון קליינבירגער. אונ־אויף הער באַציאונג צו קונסט. אַן אויסנאַם זענען אפֿשר ייִדישע יוגנטלעכע, אַ געוויסער טייל פֿון זיי, וועלכער איז אידעאַליסטיש. אָדער אויך זיי איז שווער בײַצושטיין דעם נסיון און צוציאונגס־קראַפֿט פֿון הערשנדיקן מאַטעריאַליזם.

ש. שוואַרץ

# אין קאָולפֿילד־פּאַרק

**(אַ בילדל)**

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אין מעלבורנער פֿרילינג, אַ שיינער. אַ זוניקער.

אין קאָולפֿילד־פּאַרק, אין דער ייִדישער געגנט, איז שטיל. עס איז נאָר וואָס געשניטן געוואָרן דאָס גראָז און דער ריח פֿון פֿרישן היי, טראָגט זיך אין דער לופֿט. די אַלטע ביימער שטייען פֿאַרטראַכט אין זייערע טראַכטענישן, די קינסטלעך־געמאַכטע אָזערע מיטן פֿאָנטאַן ווערט באַלויכטן און געוואַרעמט פֿון דער זון, וואָס שפּאַצירט זיך פּאַמעלעך איבערן ריין־בלויען הימל.

...יעדן נאָכמיטאָג, ווען אין דרויסן איז אַ שיינער וועטער, קלײַבן זיך דאָ צונויף ייִדישע עלטערע מענטשן, מערסטנס פֿאַרלעך, אויך אלמנות, אַלץ „רעטייערטע".

אַ סך קומען צו פֿאָרן אין זייערע אויטאָס און ברענגען מיט זיך אויסלייג־שטולן צום זיצן. כאָטש אין פּאַרק זענען פֿאַראַן בענק, הילצערנע און בעטאָנענע, ווילן זיי אָבער זיצן צוזאַמען און אויף דער זוניקער זײַט, צוליב דעם ברענגען זיי די אויסלייג־שטולן.

זיי זיצן אין אַ קרענצל, אין אַ ראָד. דאָ אין פּאַרק זענען נישט פֿאַראַן קיין ספּעציעלע פֿאַרשריפֿטן, צי מענער מיט פֿרויען מעגן זיצן צוזאַמען אָדער באַזונדער, ווי אין אַ שול להבדיל; אָבער פֿאָרט זיצן מענער מיט מענער און פֿרויען מיט פֿרויען — עס איז ווײַזט אויס אַזאַ נישט־געשריבענער געזעץ.

בערך עטלעכע צוואַנציק מענטשן האָבן זיך דאָ צונויפֿגעזאַמלט אין דעם אַזוי־גערופֿענעם קלוב פֿאַר „רעטייערטע". זאָל מען דאָס מעסטן מיט זייערע דורכגעלעבטע יאָרן, קען מען רעכענען, אַז אין דעם קרענצל האָט זיך בײַ צוויי טויזנט יאָר צונויפֿגעזאַמלט...

דער קרײַז פֿרויען פֿירט צווישן זיך וויבערישע שמועסן:

— איך ווייס שוין נישט וואָס צו קאָכן? — רופֿט

י. קאַפּע

# קאַנסומיר־געזעלשאַפט און קונסט

דאָס, וואָס מען רופט „קאַנסומער־סאָסייטי״, „קאַנסומענטן־געזעלשאַפט״, אָדער, איבערגעזעצט אויף ייִדיש, די געזעלשאַפט פון פאַרברויכער, נעמט אַרום די גרעסטע טייל פון די מערב־לענדער — יעדנפאַלס די לענדער וואָס ווערן פאַררעכנט צו דער קאַטעגאָריע „וווילשטאַנדס שטאַטן״. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרם איז אַ נייעס, אַ נאָכמלחמהדיקע דערשיינונג, און האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין געוויסע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. דער אַרטיקל אָבער איז אויסן צו פאַרנעמען זיך מיט גאָר אַן אַנדערן אַספּעקט פון דער פריער־דערמאָנטער דערשיינונג: ווי אַזוי זעט אויס די ראָל פון קונסט אין אַזאַ מין סאָציאַלן סיסטעם, און וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט דער סיסטעם אויף דער פּסיכיק פון די מענטשן וואָס לעבן אונטער אים.

עס קען מיט פולער זיכערקייט געזאָגט ווערן, אַז באַווירקט ווערן אַלע, אָן אויסנאַם. אַפילו מענטשן וואָס האָבן לגמרי נישט קיין דירעקטן שייכות דערמיט. וואָס זענען נישט פאַרנומען מיט קויפן, אָדער קאַלקולירן וואָס און ווי אַזוי צו קויפן פּראָדוקטן, זענען אויך אומדירעקט באַווירקט. קיינער אין אונדזער געזעלשאַפט — אַחוץ איינצלנע אינדיווידואומס וואָס האָבן באַשלאָסן צו לעבן אָפּגעזונדערט ווי נזירים, און די געהערן במילא נישט צו דער געזעלשאַפט — קיינער קען נישט אויסמײַדן די ווירקונג פון דעם סיסטעם: אַלע זענען פאַרברויכער פון די פּראָדוקטן וואָס ווערן אויסגעאַרבעט און פאַרקויפט.

אין עקאָנאָמישע טערמינען באַדײַט, אַז אַ קאַנסומיר־געזעלשאַפט, לעבט גוט. מען קויפט פון אַלעם בעסטן און מען נוצט דאָס, וואָס די אינדוסטריע און דער מאַרק שטעלן צו. קיינער פון די, וואָס געדענקען די שווערע עקאָנאָמישע צײַטן פון פאַר דער מלחמה, ווינטשן זיך נישט צוריקצוגיין צו דער אָרעמקייט. אַפילו די טיילן פון דער יוגנט, וואָס בונטעווען זיך קעגן דעם הערשנדיקן אָרט לעבן, ווערן מיט דער צײַט, נאָך דעם ווי זייערע בונט־יאָרן גייען אַריבער גאַנץ קאָנווענציאָנעלע געניסער פון די דערגרייכונגען.

ווי אַזוי זעט אָבער אויס די מערכה פון דער קונסט אין אונדזער סיסטעם און וואָס געשעט מיט דער מענטשלעכער פּסיכיק?

ווען מען האָט געלעבט אין עקאָנאָמישער אָרעמקייט און עס זענען געשאַפן געוואָרן קולטור־ווערטן, האָט מען געגלייבט, אַז אין גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען וועלן זיכער געשאַפן ווערן קולטור־ווערטן פון אַ טיפערן מין, אָדער זין. דאָס איז געווען אַ לאָגישער אויספיר, אַן אמת וועלכן דער קלאָרער שכל האָט דיקטירט, אַזוי ווי עס איז קלאָר אַז צוויי און צוויי איז פיר. איצט ווײַזט זיך אָבער אַרויס, און מען האָט די מעגלעכקייט עס אָפּצושאַצן לויט דעם וואָס מען זעט עס, אַז עס איז נישט אַזוי. עס ווערט טאַקע מער געשאַפן אויף די געביטן פון קונסט ווי: ליטעראַטור, מאָלערײַ, טעאַטער. צי איז אָבער די קוואַליטעט פון די שאַפונגען געוואַקסן? דאָס לאָזט זיך שטעלן אונטער אַ פראַגע צייכן.

די באַדינגונגען פאַרן שאַפן און פאַרן שעפער זענען, אָן שום צווייפל, אַ סך בעסער ווי ווען עס איז נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט. צווישן די פּראָדוקטן וואָס ווערן פאַרברויכט אין דער „קאַנסומיר־געזעלשאַפט״ האָט קונסט אויך איר אָרט. אין איינקלאַנג מיט די עקאָנאָמישע געזעצן, לויט וועלכע אונדזער סיסטעם פונקציאָנירט — די געזעצן פון „נאָכפראַגע און פאַרברויך״ — ווערן פּראָדוצירט די אַרטיקלען, אויף וועלכע עס איז פאַראַן אַ נאָכפראַגע. די מלוכה שטיצט אויף אַלע מעגלעכע אופנים די פּראָדוצענטן. קונסט איז נישט קיין אויסנאַם. עס זענען דאָ לערן־אַנשטאַלטן ווו יוגנט, מיט אַ נייגונג אין דער דאָזיקער ריכטונג, ווערן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צוגעגרייט צו ווערן קינסטלער, פּונקט אַזוי ווי מען גרייט שלאָסער, טישלער אָדער דאָקטוירים, צו באַדינען די געזעלשאַפט. זיי באַקומען סטיפּענדיעס, אויב זייערע עלטערן זענען נישט בכוח אויסצוהאַלטן זיי דורך דער צײַט פון זייער אויסבילדונג.

אַזוי אַרום איז קונסט געוואָרן איינגעשטעלט אויף די זעלבע יסודות פון מאַסן־פּראָדוקציע ווי אַלע אַנדערע אַרטיקלען, כדי צו קענען באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אַ פאַרמעגלעכער געזעלשאַפט, וועלכע קאָן זיך דערלויבן צו געניסן פון איר. אָן שום צווייפל — עס ווערן געשאַפן גוטע ווערק אויף אַלע געביטן פון קונסט. אָבער אַן שטיצן זיך אויף גענויע סטאַטיסטישע ציפערן, וועלכע זענען נאָך וואַרשײַנלעך אויף דעם געביט נישט פאַראַן (אין דער צוקונפט וועט דאָס מסתמא אויך זײַן) קען געזאָגט ווערן אַז די פּראָפּאָרץ פון מייסטער־ווערק צו דער אַלגעמיינער צאָל געשאַפענע ווערק איז נישט געוואַקסן אין פאַרגלײַך מיט דער צאָל פון אַמאָל, פון פאַרן אויפקום פון דער „קאַנסומיר־געזעלשאַפט״. דאָס הייסט, אַז קוואַליטאַטיוו האָט זיך די קונסט

---

עסטעטישע פאָרמען, איז דאָס אָפּזאָגן זיך פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט... עס באַרויבט די קונסט פון איר מהות, אין וועלכער זי איז מסוגל צו שאַפן אין רעאַלן קאָסמאָס די אַנדערע רעאַליטעט — דעם קאָסמאָס פון האָפענונג״.

שאַגאַל איז אַוועק אין דער אייביקייט זאַט מיט יאָרן און זאַט מיט דערגרייכונגען. ער האָט געשאַפן אוצרות, וואָס פאַרזיכערן אים אַ בכבודיק אָרט אין פּאַנטעאָן פון קונסט. ער איז אַוועק — און געבליבן אין זכרון פון דער ייִדישער און נישט־ייִדישער וועלט ווי אַ מאָלער דיכטער־פילאָסאָף פון אַ הויכער מדרגה צו וועלכער ער איז הערשטיגן מיטן כוח פון זײַן קונסט.

י. מ. לעווין

# מאַרק שאַגאַל — דער מאָלער פּאָעט

אין „אידיש" פון 15טן אַפּריל ה"י געפינט זיך אַן אַרטיקל וועגן אַ יונגן געלערנטן רופּערט שעלדראַק, אַ שעפער פון אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע, וועלכע שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן עטאַבלירטע געזעצן וועגן מענטש און אוניווערס, צווישן אַנדערע איזאַק ניוטאָנס גראַוויטאַציע־געזעץ. אויב זיינע געוואַגטע היפּאָטעזעס וועלן ווערן באַשטעטיקט, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דער עפּל וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון עפּלבוים אויף ניוטאָנס נאָז, אויפן סמך פון וואָס ער האָט געשאַפן דאָס געזעץ וועגן גראַוויטאַציע — אַז דער עפּל זאָל מאַכן אַ צוריקרייזע פון ניוטאָנס נאָז צום עפּלבוים... קיינער וואָלט אין דעם נישט געגלויבט, ווי מענטשן אין גאַלילעאָס צייט אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון.

אין ליכט פון אַזאַ מעגלעכקייט, קען שאַגאַלס אינסטינקטיוו אָפּווייכן פון דער קאַנאָניזירטער תורה פון גראַוויטאַציע, געזען ווערן ווי אַ שפּרונג אין אומבאַקאַנטקייט פון דער אַנטוויקלונג אין קונסט. שאַגאַלס פליענדיקע טיפן ווייזן אויף דעם אַטאַוויסטישן דראַנג פון מענטש צו וועלן פליען (אָן די „קאָנקאָרדס") ווי דער אָפּשטאַם נאָך פון ווייטן בראשית, פּערזאָניפיצירט אין לעגענדאַרן איקאַרוס.

שאַגאַל האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט פיזיק, נאָר מיט דער אינטואיציע פון אַ קינסטלער האָט ער אַנונגען וועגן נאָך פאַרהוילענע סודות וועגן מענטש און אוניווערס.

מיט זיין פיזישן אויג האָט שאַגאַל אַרומגענומען פאָרם און קאָליר, מיט זיין אינערלעך אויג האָט ער געזען אימאַזשן פון זאַכן וועלכע זענען נישט שטייפע רעאַליטעטן, נאָר פאַרהוילענע, אָבער מעגלעכע צושטאַנדן. מיט ליניע און פאַרב האָט ער באַוויזן צו פאַרקניפן וויזיע און רעאַליטעט אין אַ געראָטענעם זיווג. אויך פּאַבלאָ פּיקאַסאָ איז דערגאַנגען צו ענלעכע אויספירן — אַ צונויפפאָרונג פון נאַקעטער רעאַליטעט מיט דאָס אַנדערע, דאָס וואָס ליגט אונטער דעם זעבאַרן יש — נאָר אַנדערש פאָרמולירט. ביידע קינסטלער זענען געווען פּאַציפיסטן — יעדער אויף זיין שטייגער. פּיקאַסאָס „געורניקאַ" איז אַן אַנטימיליטאַריסטיש, אַנטי־נאַצי ווערק, נאָר עס איז אַגרעסיוו. עס שטעלט פאָר אַ פערד מיט אַן אָפענעם פיסק... שאַגאַלס פּאַציפיזם איז אַ מער הומאַנער. נישטאָ ביי אים קיין שלאַכטס־סצענעס, אַפילו נישט אַזעלכע וואָס באַרעכטיקן קאַמף, ווי קאַמף־סצענעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון דע לאַ קרואַ. שאַגאַלס אימאַזשן אָטעמען מיט שלווהדיקע רו, באַזירט אויף יהדות. זיין פּאַציפיזם האָט זיך דעקלאַרירט מיט דער איבערצייטלעכער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין די פנימער פון רוסישע הייליקע, געמאָלט פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונער קירך. פון די פנימער מיט פאַרריסענע נעז און ברייטע, פעטע באַקן ווייעט אַרויס יידישער טרויער און מאָנונג פון יושר. נאָר שאַגאַל איז נישט אַ מקונן, זיינע ליידונטן וויברירן מיט דער שטילער פרייד פון לעבן. צי דאָס איז שאַגאַל און זיין בעלאַ, וועלכע



קריג 1943

פליען איבער די וואָלקנס צו דער אומבאַקאַנטקייט פון אַן אַנדערער בעסערער וועלט, צי דאָס איז דער תמימותדיקער בליק פון אַ קו מיט אַ קעלבל אין איר בויך — אַלץ הויכט מיט דער וואַרעמקייט פון פּשוטן זיין.

שאַגאַל איז געווען אַ פילטעמאַטיקער קינסטלער. קען מען אָבער שאַגאַלן אַריינקוועטשן אין די ענגע ראַמען פון אַן „איזם"? אויב ס'איז בכלל מעגלעך אַ קאַטעגאָריזאַציע, איז עס — שאַגאַליזם.

די קולטור־ און קונסט־וועלט האָט אָנערקענט זיין קונסט. פראַנקרייך האָט דעם ייד פון וויטעבסק, דעם זון פון אַ פיש־הענדלער אויפגענומען ווי אַן אייגענעם זון. דער לוווּר האָט געעפנט פאַר שאַגאַלן זיינע פּרעסטיזשע טירן נאָך ביי זיין לעבן. פאַר די בילדער־וויטראַזשן פון די צוועלף שבטים האָט פּאַריז אויפגעבויט אַ ספּעציעלן פּאַווילאָן פאַר זייער קומען קיין ישראל.

חוץ די וויטראַזשן פון די צוועלף שבטים האָט שאַגאַל אילוסטרירט די ביבל און האָמערס אָדיסיי. זיינע וויטראַזשן באַצירן די קאַטעדראַלעס פון מעטץ און טשיטשעסטער און די פּאַריזער אָפּערע־טעאַטער. וועגן די דאָזיקע און פיל, פיל אַנדערע ווערק זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אָפּשאַצונגען פון קונסט־קריטיקער: „אַז דאָס אָפּוואַרפן די

איז געווען די תקופה ווען מענטשן האָבן פאַרלאָזט די קיבוצים און געקומען אין שטאָט אַריין צו זוכן געשעפטן. מענטשן וועלכע האָבן געלעבט צווישן אידעאַלן און א רעאַלע עקזיסטענץ. מיין אידעאַל איז געווען צו גרינדן אַ טעאַטער אַן אַנדערן, און נאָך מיינע ערשטע דערפאָלגן אין טעאַטער איז געווען דאָס אַנשטיין פון טעאַטער „זווית", וואָס אויך ער איז פאַרבונדן מיט — א צריף.

דער טעאַטער האָט אָנגעהויבן זיינע ערשטע שריט אין א צריף אויף דער אלחריזי גאַס, וועלכער איז דעמאָלט געווען א קונסט־גאַלעריע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין גענוג שטולן פאַרן עולם, האָבן מיר געמאָלדן אַז ווער עס וועט קומען מיט א שטול, וועט קענען אַריינגיין אומזיסט. אַזוי זענען געקומען פאַרלעך מיט שטולן און די שטולן וואָס זענען איבערגעבליבן האָבן מיר געלאָזן פאַר דעם אָנקומענדיקן עולם.

די פאַרשטעלונגען האָבן געהאַט דערפאָלג און דער צריף איז געוואָרן ענג און צו קליין פאַר אונדז. און מיר זענען אַריבערגעגאַנגען אין דעם הויז פון דעם לאָטעריע־הויז.

אַזוי האָט זיך געדרייט דאָס רעדל פון דער „לאָטעריע". מיר האָבן אויסגעברייטערט דעם לאָטעריע־זאַל און מיר האָבן געהאַט עטלעכע גוטע יאָר. מיר האָבן געעפנט דעם טעאַטער מיט מזל און יעדע פאַרשטעלונג איז געווען א שלאַגער. מיר האָבן געשפּילט פאַרשטעלונגען הונדערטער מאָל ביז דעם יאָר 1965, ווען אויך דער זאַל איז געוואָרן צו קליין און מיר האָבן מצליח געווען צו קריגן דעם „דאָקטוירים־פאַראיין". האָבן מיר שוין געהאַט צוויי זאַלן.

אויך מיין פּערזענלעכער גורל האָט זיך געענדערט און פון קאַצס צריף בין איך אַריבער וואוינען אין א דירה פון צוויי און אַ האַלבע צימערן אין רחוב הפרדס נעבן דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן.

פון דעם לאָטעריע־הויז איז דער טעאַטער „זווית" אַריבער אין לערער־פאַראיין און איך בין גלייכצייטיק איבערגעגאַנגען אין א דירה אויף רחוב מלכי ישראל. דאָס לעבן איז געוואָרן בעסער, מער אָרגאַניזירט און אָפּגעשלאָסן. פון דעם פינפטן שטאָק אויפן פּלאַץ פון מלכי־ישראל האָט צו מיר אַראָפּגעקוקט אַן אַנדער תל־אביב: מער טומלדיק און שמוציק. דאָס האָט געווירקט אויף מיר דערדריקנדיק און איך האָב געוואָלט אַרויס פון דאָרט. איך האָב געוואָלט איבערדרייען דאָס ראָד אויף צוריק און — עס האָט זיך געדרייט...

איך בין אַוועק וואוינען אין הארץ פון תל־אביב, אין אַ געגנט צווישן רחוב שינקין און דער „הבימה". דאָס איז געווען די שכונה וואָס איך האָב באַקענט ווען איך בין אָנגעקומען קיין תל־אביב. דאָרט וואוין איך היינט אין איינער פון די אַלטע און שיינע גאַסן — רחוב חיים ואלישע. א קליינע גאַס מיט דער לופט פון תל־אביב דער אַמאָליקער, מיט די קליינע געוועלבלעך און די מענטשן אין זייערע זיבעציקער אָדער אַכציקער, וועלכע זיצן און דאַוונען און דעם שכנותדיקן בית־המדרש. די לופט פון די קליינע מענטשעלעך צו וועלכע איך בין געווען געוואוינט און פון וועלכע איך בין אַליין אַרויסגעקומען. איך האָב זיך דערפילט אין דער היים.

אויסער איין זאַך. ווען כ'האָב זיך אַריבערגעצויגן אין רחוב חיים ואלישע האָב איך געמיינט אַז עס וועט זיין ווי א מאָל: די פענצטער און די טירן וועלן זיין אָפן און אפשר וועט מען זיך קענען פאַרלאָזן אויף די שכנים ווי אויף אָרנטלעכע מענטשן. אָבער איין חודש נאָכן אַריבערגיין אין מיין ריכטיקער דירה האָב איך געקראָגן א „וויזיט" פון אומגעוווּנטשענע געסט. ווען איך בין געווען אויף דער פאַרשטעלונג, איז מיך זון געקומען פריער אהיים און האָט געטראָפן די טיר פאַרמאַכט פון אינעווייניק און גנבים רייניקן אויס די שטוב.

און אַזוי האָב איך דערקענט די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב. איך האָב פאַרשטאַנען דעם עצמדיקן אונטערשיד צווישן דעם תל־אביב פון אַ מאָל און דעם תל־אביב פון היינט.

האָב איך גערופן א מאַן וועלכער האָט געמאַכט גוטע שטאַכעטן. אַ מענטש מיט הומאָר, אַזוי ווי פון קאַסרילעווקע, זאָגט ער צו מיר ווען איך האָב אים באַצאָלט: „דו זעסט אין וואָס פאַר א וועלט מיר לעבן. א מאָל זענען די גנבים געזעסן הינטער די שטאַכעטן, היינט באַצאָלסטו געלט כדי דו זאָלסט זיצן הינטער די שטאַכעטן"...

פון עברית: הערשל באַכראַך


שמואל עצמון

**פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים גופא.**

# דער שוישפּילער שמואל עצמון באַצאָלט געלט כּדי צו ווינען הינטער שטאַכעטן...

— אַזוי דערציילט **שמואל עצמון** אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, געדרוקטע אין דער מאַגאַזין־ביילאַגע פון תל־אביבער „מעריב“:

— די שטאָט תל־אביב איז געוואַקסן פון באַטקעס („צריפים“) צו הייזער און פון הייזער צו וואָלקן־קראַצערס. מיין לעבן האָט זיך געדרייט צווישן די צריפים און די הייזער. היינט ווען די צריפים זענען פאַרשוווּנדן האָט זיך די שטאָט אויסגעברייטערט, געוואָרן א ביסל קאַלטלעך, פיר־קאַנטיק און גרויס.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער ערשטער יידישער שטאָט איז געווען אין יאָר 1948. דריי חדשים נאָכן קומען אין לאַנד אַריין,. תל־אביב האָט מיר אויסגעזען ווי אַ קליינע שטאָט, ענלעך צו יענעם שטעטל פון וואַנען איך שטאַם אַליין — בילגאָריי, די שטאָט פון בעלזער רבין און דעם שרייבער יצחק באַשעוויס־זינגער. אין תל־אָביב איז אַלץ געווען איינגעשרומפּן און קליין, ווי אין קאַסרילעווקע פון שלום־עליכם ווען מיר שפּילן היינט אין דער פאַרשטעלונג „דאָס רעדל דרייט זיך“, צוזאַמען מיט מיינע חברים ראַדענסקי און שמואל סעגאַל. איך האָב מיך באַלד דערפילט ווי אין דער היים. אַלע האָבן גערעדט יידיש און עברית האָב איך שוין געקענט, הגם מיין עברית איז געווען א „ליטעראַרישער“... ווי למשל: „זאָל זיין געערטער זיך זעצן“...

ווי נאָר איך בין געקומען אין לאַנד אַריין, האָט זיך מיין גורל פאַרבונדן מיט — א צריף. אין פּלמ״ח האָב איך מלחמה געהאַלטן אין די צה״ל־צריפים. נאָכהער בין איך אָנגעקומען אין דער טעאַטער־סטודיע פון „האוהל“, וואָס איז אויך געווען אין א צריף נעבן ים אויף רחוב הירקון. נעבן דער סטודיאָ איז געווען א צריף וואָס האָט געדינט פאַר אַ סקלאַד און דאָס איז געווען מיין ערשטע וווינונג. אַלץ איז געווען קליין און הולטאַיש. נישט געווען קיין אָרט צו עפענען אַ פענצטער אָדער אַ טיר. אַ ראָמאַנטישע אַטמאָספער האָט געהערשט אַרום. אין צריף פון „אוהל“ האָבן געוווינט אויך: יאַנקעלע בן־סירא, ראובן אדיב, מאַניע ביסענהאָלץ און יוש הלוי. אונדזער לעבן האָט זיך געדרייט דעמאָלט צווישן קאַפע־הויז „כסית“ און דעם צריף. עלף ביינאַכט נאָך דער פאַרשטעלונג אין „אוהל“ זענען אָנגעקומען די אַרטיסטן: טובה פּרדו, אברהם חלפי, בתיה אַסטראָווסקי און די שרייבער: אַלעקסאַנדער פען און נתן אַלטערמאַן זענען אַריינגעקומען אין אונדזער צריף. מיר האָט געמאַכט א פייער ביים ים־ברעג און אין דער פרי זיך אויפגעכאַפּט א שעה פאַרן פאַרלאָזן דעם צריף און איבערגעגאַנגען אין דעם גרויסן צריף.

דער צריף פון „אוהל“ האָט זיך געגרענעצט מיט דער שכונה צריפים פון „מחלול“, וואָס אויף זיין אָרט שטייען היינט די האָטעלן אויף רחוב־הירקון און פון דער אַנדערער זייט — דער שפּאַציר־וועג מיט דער באַרימטער קאַפע „פילץ“. נעבן צריף איז געווען דאָס שפּייז־געשעפט פון מר כהן. ער האָט געוואוסט אַז די אַקטיאָרן האָבן נישט וואָס צו עסן און ער האָט אונדז געגעבן פרישטיק אויף חשבון, און דער חשבון איז כסדר געוואַקסן...

אונדזער צריף איז געווען זייער באַרימט אין יענע טעג, ווייל ער האָט זיך געפונען נעבן דעם „רויטן הויז“ פון מפא״י. אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין קאַריערע, שטייט היינט דער האָטעל „שאַראַטאָן“.

מיין ערשטע אַרבעט אין לאַנד פאַר פרנסה וועגן, נאָך דער באַפרייאונג, איז אויך געווען פאַרבונדן מיט א צריף. אין לאַנד איז אַנטשטאַנען אַן אויסשטעלונג צום אָנדענק פון גאָרקי און מען האָט מיך געדונגען צו אַרבעטן ווי א נאַכט־שומר. 12 ביינאַכט ווען איך האָב געענדיקט די נאַכט־וויזיטן אין „כסית“, האָב איך אָנגעהויבן מיין אַרבעט אַלס נאַכט־שומר. במשך 45 חדשים האָב איך גענעכטיקט אין א צריף. דעם לוין פון פינף לירעס האָב איך געקראָגן מיט אַ טשעק וואָס איז געווען אונטערגעשריבן בכבודו ובעצמו: מר יערשאָב, דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין ישראל.

אַט דער צריף האָט זיך געפונען אין שכנות פון די „הבימה“־אַרטיסטן און מיין טרוים איז געווען דאַן צו שפּילן אין „הבימה“. נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן אין דער אַליי קרן־קימת דעם הער מעסקין שפּאַצירן אין גאַס און לערנען די ראָלע זיינע. דאָס איז ער געווען געוואוינט צו טאָן מערסטנס פאַרטאָג אָדער שפּעט אין דער נאַכט.

דעם 25־טן אויגוסט 1953 האָט מען מיך אָנגענומען אין דער „הבימה“, אַ געשעעניש וואָס איך קען נישט פאַרגעסן, ווייל שוין צו מאָרגנס האָב איך חתונה געהאַט און אין א טאָג אַרום געגאַנגען ווינען אין — א צריף, אויף רחוב הנביאים. דאָס איז געווען דער באַרימטער צריף פון די קאַצס, פון די „פרחי כץ“. אין דעם צריף האָט זיך געפונען אַ צימער מיט א קיכל און די קלאָזעטן האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס. כץ איז געווען א שוואָגער פון מעסקין און ער האָט זיך נוהג געווען צו באַזוכן דעם צריף.

אין יענע טעג איז נישט געווען קיין טעלעפאָן און מ׳איז נישט געווען געוווינט אָנצומעלדן א באַזוך. מען איז האָט זיך געזעסן אויפן גראָז נעבן צריף. דער צריף האָט זיך געגרענעצט מיט אַן אַנדער גרופּע צריפים א״נ גורדיה.

די טיפן וואָס איך האָב באַקענט אין תל־אביב פון די פופציקער יאָרן זענען געווען מענטשן פון „לופט־געצאַנטשאַפטן“, מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט זוכן, נישט אַזעלכע חלומות ווי מנחם־מענדל. עס

ציאַליזם, ווייל בעווין דער לייבאָריסט איז נישט קיין אויסנאַם: די זעלבע עצה קאָנען מיר דערוואַרטן פון א פ.פּ.ס.־ישן מיניסטער און פון אַ דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן מיניסטער, און פון אַ טשעכישן פּראָ־קאָמוניסט, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט פון די טשעכן. סאָציאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין א גאַראַנטיע פאַר הומאַניזם און סובטעלקייט, ער האָט זיך שוין „אויסגעמענטשלט". בלויז צו עטלעכע אייביקע קינדער אין יעדן פאָלק טרוימען נאָך וועגן אַ סאָציאַליזם, וואָס זאָל זיין די רעליגיע פון דער צוקונפט, וועגן אַ סאָציאַליזם פון א ישעיה הנביא, מיט אַ נייעם הימל און אַ נייער ערד, מיט אַ נייער נשמה און א ניי האַרץ, וועגן אַ נייעם יחיד און נייע פעלקער געמיינשאַפטן. דיזאַקע טרוימען זענען די שענסטע, אָבער, ווייזט אויס, אַז אויך די האָפנונגסלאָזטע אויף דער וועלט. אָבער ווייניקער פאַר אַלע מעגן מיר, ייִדן, זיך איצט פאַרנעמען מיט טרוימען. אונדזער יוגנט האָט גענוג אָפּגעגעבן בלוט און מוח נישט איינער פון די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, אָבער ווען עס איז געקומען די גרויסע ייִדישע נויט, האָט מען אין אונדז פאַרגעסן, מען האָט אונדז געלאָזט אַליין אויג אויף אויג מיט די גרויזאַמסטע מערדער אויף דער וועלט. מען האָט אונדז פאַרראַטן בעת דער שחיטה און מען פאַרראַט אונדז נאָך דער שחיטה, און מען האָט נאָך אויף אונדז פאַריבל, וואָס מיר מאָנען עפּעס: צי גערעכטיקייט פאַר די לעבנגעבליבענע, צי נקמה פאַר די טויטע. דער סאָציאַליסט בעווין — און ער רעפּרעזענטירט די ווייט־גרעסטע מערהייט פון די סאָציאַליסטן אויף דער וועלט — האָט צוויי יושרס: פאַר הרגענען עטלעכע ענגלענדער אין אינדאָנעזיע (ענגלענדער וואָס זענען געקומען דערשטיקן זייער פרייהייט־באַוועגונג) דאַרף מען סיסטעמאַטיש פאַרניכטן אינדאָנעזישע דערפער; אָבער מאָנען פאַר זעקס מיליאָן אומשולדיק־פאַרפּייניקטע אַ שטיקל נקמה — דאָס הייסט זיך שטופן צו פיל אין פאָדערגרונט מיט אונדזער אומגליק. — סאָציאַליזם האַלט נישט פון נקמה. פאַר זיך זענען די בעווינס (ווען עס קומט צו נקמה פאַר זיך, ווי צו יושר פאַר יענעם) רעאַקציאָנערן, פאַר אונדז (ווען עס קומט צו נקמה פאַר אונדז און יושר פאַר זיך) — סאָציאַליסטן.

זיך אומקערן צום אַלטן אויפן געביט פון סאָציאַליזם, איז אַן אומפאַרצייליכע עוולה לגבי דעם ייִדישן פאָלק; דאָס קאָנען טאָן נאָר די, וועלכע זענען גרייט צו פאָלגן בעווינס עצה: אַסימילירן זיך. אָבער די, וועלכע ווילן נאַציאָנאַל לעבן, האָבן נישט וואָס צו האָפן אויפן סאָציאַליזם. — קיינער אויף דער וועלט האָט אונדז נישט אין זינען, — לאָמיר אויך אין זינען האָבן קודם כל און נאָר זיך. לאָמיר אויפהערן צו פאַלן כורעים מיטן פנים צו דער וועלט, און לאָמיר פאַלן כורעים מיטן פנים צו זיך. דאָס הייסט נישט, אַז מיר דאַרפן אָדער קאָנען אַנטלויפן פון דער וועלט. אָבער מיר דאַרפן איר אַזוי פיל נישט טרויען. אויב מיר וועלן אויסגעפינען, אַז דער ליבעראַליזם אין זיין אַלטער פאָרם, ווי מיר קענען אים פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, איז נישט נאָר צוגעפּאַסטער פאַרן מענטשן, ווי סאָציאַליזם (ער קאָן צו אים נישט דערוואַקסן!), נאָר ער איז אויך צוגעפּאַסטער פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, דאַן דאַרפן מיר זיך נישט צערייסן די קאָפּאָטע פאַרן סאָציאַליזם, נאָר שטיצן דעם ליבעראַליזם.

---

לאה ראָבינסאָן (לאָנדאָן)

## אַבּי

ווייל איז אַ שטח פון אויסגעקעמטע פעלדער,
ווו פּעטע בהמות פּאַשען זיך אָן ביז זאַט.
מיר אָבער איז טייער דאָס אָפּגענוצטע לאַנד
פון ראַסט און וויסטע חורבות,
פון טרוקענע דערנער און שטיינער,
אַבּי סע וואַקסט אַרויס פון צווישן די שטיינער
די איין־און־איינציקע בלום.
ווייל איז אַ לומדיש ליד אַ פיין געשריבנס,
אַ גוט געגראַמטס, אַן אויסגעצירטס מיט חכמה.
מיר אָבער איז טייער דאָס פּראָסטע גאַסנלידל,
האַמעטנע, רוי און טעמפּ,
אַ דיכטערישער תוהו־ובוהו,
אַבּי סע זינגט זיך אַרויס פון תוהו־ובוהו
דער איין־און־איינציקער ניגון.

ווייל איז א לייטיש צימערל מיט לאָמפּן
ווו שיינע לייט רעדן עלעגאַנט און שטיל.
מיר אָבער איז טייער די סטאַנציע ביי נאַכט
וואָס ציטערט פון שרעק פאַר מעגלעכע פאַרברעכנס,
און וואָס איז כמעט ליידיק און שטאַק פינצטער,
אַבּי סע טוט אַ שיין אַרויס פון דער פינצטער,
ווי אַ ליכט, ווי אַ בלום, ווי אַ ניגון,
דאָס איין־און־איינציקע פנים.

לאה ראָבינסאָן איז אַן ענגלענדערין, וואָס שרייבט ייִדיש.

מיר באַגריסן אונדזער רעדאַקציע־מיטגליד
# הערשל באַכראַך
צו דער געלעגנהייט פון באַקומען
די „מנורה"־אויסצייכענונג
פון „בני־ברית"
אַלס אָנערקענונג פאַר זיין
געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.
די רעדאַקציע

י. ראַפּאַפּאָרט

# צוריק צום אַלטן סדר־היום?

צופעליק האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בראָשור פון יהושע ראַפּאַפּאָרט ע״ה, א. נ. „צוריק צום אַלטן סדר־היום?״

די בראָשור, געשריבן אין שאַנכיי אין יאָר 1946, איז דערשינען אין מעלבורן, אַ יאָר שפּעטער.

י. ראַפּאַפּאָרט דערמאָנט אָפּט דעם ענגלישן אויסערן מיניסטער בעווין, וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין יענע יאָרן, איבערהויפּט צוליב זיין קעגנערשאַפט פון יידישער עמיגראַציע קיין ארץ ישראל.

מיר ברענגען דאָ אַ קורצן אויסצוג וועגן אַ פּראָבלעם, וואָס האָט נאָך ביז היינט נישט פאַרלוירן זיין אַקטועלקייט.

**די רעדאַקציע.**

עס וואָלט בכלל געווען אַ גרויסער יושר צו רעווידירן חעם סאָציאַליסטישן טרוים פון די לעצטע 3־2 דורות. די דערפאַרונגען, וואָס די מענטשהייט האָט געמאַכט מיטן רוסישן סאָציאַליזם, מיטן דייטשן און בכלל מיטן אייראָפּעאישן, רופט אַרויס געווג באַרעכטיקטע ספיקות צי איז דער מענטש בכלל מסוגל צו פאַרווירקלעכן זיין סאָציאַליסטישן טרוים. מערסטנטייל טרוימען נעמען זיך פון דעם, וואָס מען איז זיי נישט בכוח צו דערגרייכן. דער מענטש איז אפשר נישט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ גייסטיקן קלימאַט, ווי דער סאָציאַליזם.

ווען מען גיט אַ קוק אויפן קלאָגעדיקן דורכפאַל פון סאָציאַליזם בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת דער דייטשער רעוואָלוציע, בעת היטלערס צעניאָריקן מאַרש צו דער מאַכט, בעת היטלערס צוועלף־יאָריקער הערשאַפט, — בעת מען גיט אַ קוק אויף די דאָזיקע קאַפּיטאַלע דורכפאַלן אין דייטשלאַנד, אויף די קאַפּיטאַלע פאַרבלאַנדזשעטישן אין ראַטנפאַרבאַנד און אויף די קלענערע אָבער נישט ווייניקער טרויעריקע דורכפאַלן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער (באַזונדערס אין פראַנקרייך, בעת דעם פאַרס מיט דער נישט־אינטער־ווענץ־פּאָליטיק אין שפּאַניע אונטער דער פּרעמיערשאַפט פון לעאָן בלום!), נעמט אַרום אַ געווג באַרעכטיקטער חשד, אַז דער מענטש, דער דאָזיקער מייסטער פון מיסברויכן, האָט זיך שוין אַן עצה געגעבן אויך מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ער וועט זיך אויך אַן עצה געבן מיטן איינגעפירטן סאָציאַליזם, ווי ער האָט זיך אַן עצה געגעבן מיטן איינגעפירטן פּאַרלאַמענטאַריזם, מיט דער איינגעפירטער רעפּובליקאַנישער סיסטעם. האָט מען זיך דען ביים טרוימען וועגן אַ מעכטיקער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי וועט זיך אַזוי פּיליסטעריש־נעבעכדיק, אָן שום ווידערשטאַנד, לאָזן אַרומצופּן פון אַלע זייטן, ווען אָפענע באַנדיטן און רויבער, ווי די היטלער־באַנדעס, וועלן זי אַרומרינגלען, הגם זי האָט צען מאָל געקאָנט צעשמעטערן היטלערן ביז זיין קומען צו דער מאַכט? וואָלט זיך דען עמיצער געקאָנט פאָרשטעלן אין 1917, אַז דער זיגרייכער באָלשעוויזם וועט ענטלעך דערקלערן, אַז דער היטלעריזם איז פּונקט אַזאַ אידעאָלאָגיע, ווי אַנדערע (ווי דער באָלשעוויזם אויך?) און מען דאַרף אים נישט באַקעמפן מיט וואָפן? אַז דאָס רוסישע פאָלק איז בלוט־פאַרקרובהט מיטן דייטשן? וואָלט דען עמיצן געקאָנט איינפאַלן אַמאָל, אַז דער אויסערן־מיניסטער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, פון דער זיגרייכער לייבאָר־פּאַרטיי וועט ענטלעך דערקלערן סוף 1945, אַז יידן שטופּן זיך צו פיל אין פראָנט מיט זייער אומגליק און אַז ער עצהט זיי צו אַסימילירן זיך?

דיסקוטירן וועגן דעם, צי עס וועט אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם צי נישט, איז אַן אומזיסטע טרחה, ווייל מען דאַרף נאָך פריער פעסטשטעלן גענוי, וואָס סאָציאַליזם באַדייט. אויב דאָס דאַרף באַדייטן ווייט־גייענדיקע רעפאָרמען אין ווירטשאַפטלעכן לעבן — נאַציאָנאַליזאַציע פון די פּראָדוקציע־מיטלען און ענלעכס — איז מעגלעך, אַז דער סאָציאַליזם זאָל איינגעפירט ווערן; אָבער אויב סאָציאַליזם באַדייט דאָס, וועגן וואָס דורות האָבן געטרוימט: די אויבערהאַנט פון הומאַניזם איבערן עגאָאיזם, דער טריאומף פון מענטשלעכקייט אין יחידישן, אין נאַציאָנאַלן און אינעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, דאַן קאָן מען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז דער דאָזיקער טרוים וועט, אין בעסטן פאַל, בלייבן אַ טרוים, לכל הפּחות, אויף לאַנגע, לאַנגע דורות: דער גאַנצער באַלאַסט פון הומאַניזם איז לייכט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער פּראַקטיק, און ער פעלט שוין גאָר נישט דעם רוב סאָציאַליסטן, — מען קאָן זיך באַגיין אָן אים, מען איז געוואָרן פּראַקטיש.

געוויס, אויך אויפן געביט פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג וועט קומען דער „צוריק צום אַלטן״. מען וועט זיך אומקערן צו דער געוווינהייט: מען וועט „אויפלעבן״ די אַלטע פּאַרטייען, מען וועט זיך קוויקן מיט וואָל־דערפאָלגן (וואָס זענען־נישט ווערט קיין דרייער, ווייל די זעלבע ווילער־מאַסע, וואָס שטימט היינט פאַר סאָציאַליסטן, שטימט מאָרגן פאַר פאַשיסטן), מען וועט זיך קוויקן מיט רעזאָלוציעס, וואָס וועלן קיינעם נישט פאַרפליכטן — נישט דער פּאַרטיי, אַלס גאַנצעס, נישט אירע איינצלנע מיטגלידער, ווייל קיינער טראַכט גאָרנישט זיי דורכצופירן אין לעבן, ווען מען קאָן.

אָבער צום מערסטן באַדויער איך דעם צוריקקער צום סאָציאַליסטישן טרוים מצד אונדזער יוגנט: ווער־ווער, מיר האָבן אוודאי נישט וואָס צו האָפן נאַציאָנאַל אויפן סאָציאַליזם. ווער עס וויל נישט פאָלגן די עצה פונעם לייבאָריסט בעווין, יידן זאָלן זיך אַסימילירן, דאַרף קלאָר באַגרייפן, אַז נאַציאָנאַל פאָלט אונדזער וועג נישט צונויף מיטן סאָ־

שוין מער נישט קיין אַנדערע זאָרגן? פון דער ווייטנס איז עס שווער צו פאַרשטיין. פונקט אַזוי איז שווער צו פאַרשטיין די אומצופרידנקייט מיט באַפרייען פאַרמשפטע טעראָריסטן, און אַן אויסטויש פאַר ישראלדיקע געפאַנגענע. אויב די ישראלים וואָס פּראָטעסטירן, האָבן מורא פאַר רעצעדיוון, האָבן זיי קודם געדאַרפט פאַרלאַנגען אַז די כנסת זאָל אָננעמען א געזעץ וועגן טויט־שטראָף.

ווען עמיצער וואָלט אָבער פאַרלאַנגט אַזאַ מין געזעץ, וועלן וואַרשיינלעך די זעלבע ישראלים וואָס פּראָטעסטירן אַצינד, אויפהייבן א טומל אַז מען איז נישט ציוויליזירט און נישט הומאַניטאַר.

ישראל האָט נישט קיין סיבירער וועלדער, קיין קוילן־גרובן אָדער אַנדערע ערטער ווו מען קאָן באַשעפטיקן אַרעסטאַנטן. דאַרף מען פּאַשען טויזנטער שונאים, וועלכע פאַרלאַנגען נאָך באַקוועמלעכקייטן אין די תפיסות, לויט ציוויליזירטע נאָרמעס (באַקוועמלעכקייטן וועלכע זיי האָבן אין זייערע היימען קיינמאָל נישט פאַרמאָגט) און באַלד שליסן זיך אָן צו זייער פאַרלאַנג אָרגאַניזאַציעס ווי „אַמנעסטיע אינטערנאַציאָנאַל" און אַנדערע, און ישראל דאַרף פאַרוואַנדלען די תפיסות אין פּענסיאָנאַטן.

נאָך 37 יאָר עקזיסטענץ ווי אַ מדינה, קומט אויס, אַז די ישראלים האָבן געמעגט אָנהויבן טראַכטן אין מלוכהשע און נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס. טייל מאָל זעט עס אויס פון דער ווייטנס, אַז די רעגירונג איז נאָך (אין די אויגן פון געוויסע ישראלים) די ענגלישע מאַנדאַט־מאַכט, און אַז מען געפינט זיך נאָך אַלץ אויף א פּאָליטישן מיטינג, אין היץ פון אָפּהאַלטן זיגן...

וויכטיקע פּראָבלעמען רוקן זיך אָן אויף ישראל, צו וועלכע מען דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען, צו וועלכע מען דאַרף האָבן ניכטערע קעפּ, פּראָבלעמען וועלכע פאַרלאַנגען קאָנסאָלידאַציע און קאָ־צענזוס פון גאַנצן פאָלק.

פּרעזידענט רעיגען האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן זיין שלום־פּלאַן פון 1982, וועלכן די ישראלים האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן, אָבער רעיגען מאַכט זיך נישט וויסנדיק.

כוסיין מיט אַראַפאַטן באַמיען זיך דורכצוועצן אַ שלום־קאָנפערענץ ווו די סאָוויעטן זאָלן זיין איינע פון די מחותּנים, און טאָמער וועט אַראַפאַט זיך אָנכאַפּן אַז זיין לעצטער שטרוי און אָנערקענען די רעזאָלוציע 242, דאַרף מען נישט זיין קיין נביא: אַמעריקע וועט מיט צופרידנקייט זיך אַוועקזעצן מיט אים ביי איין טיש צו פאַרהאַנדלען — פאַרשטייט זיך — אויפן חשבון פון ישראל, וואָרום די פּאַלעסטינער אַליין האָבן גאָרנישט וואָס בייצושטייערן צום שידוך.

אַלע קאָנצעסיעס וועט מוזן מאַכן ישראל, אַפילו נישט־ווילנדיק. אַז מען שטייט פּנים אל פּנים מיט אַזעלכע שווער־וואָגיקע דעציזיעס — טאָ וואָס פּאַראַ באַדייטונג קאָן האָבן, אַז מען וועט שוין אויסגעפינען ווער ס'טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער לבנון אינוואַזיע? אָדער צי איז בכלל נויטיק געווען אַזאַ שריט?

אַפילו אַמעריקע האָט שוין באַצייטנס צוגעשטעלט איר טעפּעלע אָפּצוקאָכן אויפן פייער, וועלכן די ישראלים בלאָזן פאַנאַנדער, דורכן פאַרעפנטלעכן נאָטיצן פון געוועזענעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל וועגן שאַראָנס געשפּרעכן מיט האַביבן א האַלבן יאָר פאַר דער אינוואַזיע.

רעאַל־פּאָליטיק איז נאָך אַלץ א באַגריף, וועלכן געוויסע ישראלים האָבן נאָך נישט באַוויזן צו פאַרדייען.

---

יעקב ראָזענבערג

# צוויי לידער

## אין אַ שטילן פאַרנאַכט

שטיל איז דער אָוונט געקומען,
מיין טאָג — אַ חלום אַוועק,
געבליבן איז נאָר די בענקשאַפט,
וואָס וואָגלט פאַרלוירן אין וועג...

איצט קוקן די הייזער ווי בלינדע,
מיט טונקל פאַרלאָפענע שויבן,
ווי ס'פליען אין הימל דריי מידע,
ווייסע פאַרשפעטיקטע טויבן.

פון ווייטנס זינגט ווי אַ קוקו,
אין וואַלד האָט אַ סאָווע געלאַכט,
אַזוי איז אַ טאָג מיר פאַרשוווּנדן,
אין אַ שטילן, שטילן פאַרנאַכט...

## צום דאָרף

ס'לעבט די שטאָט ווי אַ מכשפה,
פויל פאַרדאַרבן איז איר גאַנג,
אַך! ווי כ'בענק צום שטילן דערפל,
צו אַ גרינעם וווּנדער לאַנד.

דאָרט ווו ס'אַקערט אויף דער פויער,
שוואַרצע ערד ביים זונאויפגאַנג,
און אין אָוונט ביי אַ נאַפט לאָמפּ,
שפּינט פון פלאַקס אוים זיין געוואַנט.

כ'בענק צום דאָרף מיט ווייסע כאַטעס,
מיט אַ דאַך פון געלן שטרוי,
דאָרט ווו תפילה שעפּטשען גראָזן,
איינגעהילט אין מאָרגן־טוי.

כ'בענק צום טאָל ווו ביי אַ טייכל,
זיצט אַ פישער שטיל פאַרטראַכט,
צו אַ פשוט גוטן שמייכל,
וואָס פאַר שטאָט־מענטש נישט געדאַכט...

שלום ג.

# וואָס, אָן ישראל?

## (פּאָליטישע קאָמענטאַרן)

געשעענישן אין מיטעלן מזרח זענען תמיד אָנגע־
לייגטע נייעס פאַר זשורנאַליסטן, טעלעוויזיע־רעפּאָרטערן
און פאָטאָגראַפן, אויב... ישראל איז אין דעם פּאַרמישט,
אָדער מען קאָן ערגעץ ווו אַריינשמוגלען אַ פאַרבינדונג
צווישן ישראל און די געשעענישן.

ישראלס אינוואַזיע אין לבנון, וואָס האָט געקאָסט אַרום
650 קרבנות, איז אויסגעוואַקסן אין דער פּרעסע און טע־
לעוויזיע צום פאַרנעם פון אַמעריקעס אַריינמישונג אין
וויעטנאַם — ווו ס'זענען געפאַלן 58 טויזנט זעלנער.

די שחיטה איבער די פּאַלעסטינער אין די צוויי באַ־
רימטע פּליטים־לאַגערן, סאַבראַ און שאַטילאַ, דורך דער
קריסטלעכער מיליציע, איז פאַנאַנדערגעבלאָזן געוואָרן
ביז צו אַ פּונקט, וואָס האָט געשטעלט אונטער אַ פראַגע־
צייכן די מאָראַל און עטיק פון מדינת ישראל.

די טעלעוויזיע האָט אָן איבעררייסן (אין יעדן נייעס־
ביולעטין) געוויזן דערמאָרדעטע פרויען און קינדער: בלוט,
פאַרוויסטונג, טויט.

אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט יש־
ראל געשאַפן אַן אויספאָרשונגס קאָמיסיע. די עפנטלעכע
מיינונג אָבער — אָנגעהיצט פון די סענסאַציע־הונגעריקע
צייטונגס־רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן מיט אַ פערדענ־
לעכער הנאה ווען זיי קאָנען פאַרשוואַרצן ישראלס פּנים,
האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דעם רעזולטאַט פון דער
קאָמיסיעס אויספירן. דער האָט פריער געוווּסט, דער האָט
נישט געזאָגט, יענער האָט געקוקט צווישן די פינגער, די
באַשולדיקונגען האָבן אַראָפּגעשריען פון די צייטונגס־קעפּ,
שוין נאָך דעם ווי די קאָמיסיע האָט געמאַכט איהרע פעסט־
שטעלונגען.

ישראל האָט פאַרלאָזט לבנון, הגם דער ענין
צוליב וועלכן זי האָט אַריינמאַרשירט — די פּאַלעסטינער
טעראָריסטן — איז נישט געלייזט געוואָרן צו דער פולער
סאַטיספאַקציע פון ישראל. דאָס ישראלדיקע מיליטער
האָט זיך געהאַלטן אין געוויסע ראַמען און באַמיט זיך
אויסצומיידן איבעריקע קרבנות. די פּאַלעסטינער
די האַנדלונג אויסגעטייטשט ווי אַ שוואַכקייט. האָבן

אַצינד (אין חודש יוני 1965) זענען מיר ווידער די
פּאַלעסטינער פּליטים־לאַגערן אין לבנון: שאַטילא, סאַב־
רא, באַאַן אַל בראַינע ווי וויכטיקע צייטונגס־נייעס.

די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון דער מוסולמעני־
שער שאַיִטן־סעקטע, אַמאָל, האָט זיך פאַרנומען איינמאָל
פאַר אַלע מאָל צו ליקווידירן די פּ.ל.אָ. ווי אַ מיליטערישן
כוח. זיי פירן דורך אַ סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פון די
באַוואָפנטע פּאַלעסטינעזער אין די הערמאָגטע פּליטים־
לאַגערן. די פּאַלעסטינעזער שטעלן אַ פאַרביטערטן ווידער־
שטאַנד. לויט באַריכטן אין דער פּרעסע, זענען די קאַמפן

ברוטאַל און גרויזאַם. פאַראַן עדות וואָס דערקלערן, אַז
די פּאַלעסטינער דערשיסן זייערע אייגענע פאַרוווּנדעטע,
כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אַמאַל.

די געכאַפּטע פּאַלעסטינער שטעלט מען „צום וואַנט״
— אָן אַ פאַרהער און אָן אַ געריכט.

עס איז שוין מער נישט די בעגין־רעגירונג; עס איז
שוין מער נישט אַריק שרון, און דאָס מערקט מען באַלד
אין די צייטונגס־באַריכטן: קורצע, לאַקאָנישע ידיעות
אָן באַשולדיקונגען. די טעלעוויזיע ווייזט וויינענדיקע
פרויען — אָבער לעבעדיקע; קינדער טולייען זיך צו זייערע
מאַמעס. עס פעלן די עמאָציאָנעלע מאָמענטן (אויף וועלכע
די טעלעוויזיע רעפּאָרטערן זענען ספּעציאַליסטן) וואָס
זענען מסוגל אַרויסצורופן האַס צו די אָנגרייפער און סימ־
פּאַטיע פאַר די אָנגעגריפענע.

דער פאַרמעסט אויסצוראָטן די פּ.ל.אָ. אין לבנון איז
אַ טאָטאַלער, און במילא אַ בלוטיקער. אָבער וואָס פאַר
אַ באַדייטונג האָט עס פאַר דער מעדיאַ, אַז אין דעם איז
נישט פאַרמישט ישראל. עס נעמט שוין אויסזען ווי די
מלחמה צווישן איראַן און איראַק, וואָס געדויערט שוין
פיר יאָר, און האָט פאַרלוירן די ווערט פון צייטונגס־נייעס.

אָן דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע איז יאַסער
אַראַפאַט אויס קאַפּעלויש־מאַכער. עס ווערן דעריבער פאַר־
שטענדלעך די קלאַנגען וועלכע כוסיין, דער הערשער פון
ירדן, פאַרשפּרייט, אַז אַראַפאַט איז גרייט צו אַקצעפּטירן די
יו־ען רעזאָלוציע 242.

ווי איז די שטימונג אין ישראל?

דאַרפן דאָך די ישראלים זיין צופרידן, אַז אַמאָל פאַר־
ענדיקט דאָס, וואָס ישראל האָט אָנגעהויבן; אַז מען וועט
זיין פאַרזיכערט פון אָנפאַלן מצד די טעראָריסטן.

אָבער ישראלים האָבן „וויכטיקערע״ זאָרגן.

קודם איז פאַראַן אַ גרופּע, וואָרשיינלעך אַ באַדייטנדע
און שטאַרק טומלדיקע, וועלכע פאַרלאַנגט אַן אויספאָר־
שונגס־קאָמיסיע וועגן דער אינוואַזיע קיין לבנון. וואָס
וועט מען פאָרשן? וועמען וועט מען פאָרשן? און וועמען
וועלן ברענגען נוצן די רעזולטאַטן פון אַזאַ קאָמיסיע?

האָבן די אַמעריקאַנער געמאַכט אַן אויספאָרשונגס־
קאָמיסיע וועגן וויעטנאַם, טראָץ די 58 טויזנט געפאַלענע
און טראָץ די 150 ביליאָן דאָלאַר, וואָס די מלחמה האָט
אָפּגעקאָסט?

צען יאָר נאָך וויעטנאַם האָט די עפנטלעכע מיינונג
גענומען ענדערן איר באַציאונג צו די וויעטנאַמער קריגס־
וועטעראַנען, און צו די געשעענישן בכלל.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין צען יאָר אַרום וועלן
די ישראלים האָבן גאָר אַן אַנדער פאָרשטעלונג און מיי־
נונג וועגן דער קריגס־אָפּעראַציע אין לבנון. טאָ צוליב
וואָס דאַרפן געוויסע ישראלים אַן אויספאָרשונגס־קאָמי־
סיע? שלאָגן פּאַרטיי־קאַפּיטאַל איז אַ מין פאַרבלענ־
דעניש, וואָס קאָן חרוב מאַכן וועלטן און איז אַ רעזולטאַט
אָבי נקמה אָן די וואַנצן...
פון אַ געוויסער לאָגיק, וואָס זאָגט: דאָס הויז ברענט טאַקע,
לעבט זיך טאַקע די ישראלים אַזוי גוט, אַז זיי האָבן

זיך באַטייליקט ריטשאַרד אַלען, ריטשאַרד העלמס, און אַן ענגלישער פּאָליטיקער. אין גאַנג פֿון דער דיסקוסיע האָט טעד קאָפּעל אַ פֿרעג געטאָן: ווי דערקלערט זיך עס וואָס מדינת ישראל שיינט צו זיין פֿיאַיקער און ווירקעוודיקער אין אירע מעשים און סטראַטעגיע קעגן דעם טעראָריזם? אויף דעם האָט ריטשאַרד העלמס, אַ געוועזענער דירעקטאָר פֿון דער סי.אַי.עי. און אַ געוועזענער אַמבאַסאַדאָר אין איראַן, תיכף אַרויסגעפּלאַפּלט: מדינת ישראל לעבט מיטן אַלטן טעסטאַמענט און מיט דער מאָראַל פֿון „אַן אויג פֿאַר אַן אויג" און אַמעריקע לעבט מיטן נייעם טעסטאַמענט.

— 2 —

ס׳איז דאָ אָן אַ שיעור איראָניע אין דעם אויפֿוואָרף פֿון ריטשאַרד העלמס. עס געפֿעלט אים נישט דער פּרינציפּ פֿון „אַן אויג פֿאַר אַן אויג", עלעהיי ער וואָלט געווען דער אַמעריקאַנער גאַנדי אָדער דאָקטער שווייצער אָדער מוטער טערעזאַ. אין דער ווירקלעכקייט איז עס חוצפּה און גאווה צוזאַמענגעמישט מיט נאַרישקייט. מעקפֿאַרלין און העלמס זענען נישט קיין אויסנאַמען. אָט־דער טראַפֿאַרעט, אָט־די פֿאַרקרימונג, פֿון דעם ראַיעלן באַטייט, היסטאָריש און עטיש, פֿון דעם כּלל „אַן אויג פֿאַר אַן אויג" איז דער פֿאַרשפּרייטסטער און היפּאָקריטישסטער פֿון אַלע קאַריקאַטורן פֿון ייִדישקייט וואָס זענען האַלבע אמתן און דעריבער גאַנצע ליגנס. במילא איז די פֿאַרקרימונג נישט פֿאַריתומט; פֿאַראַן אַ שלל מיט ביישפּילן, און פֿאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס זייער המון־עם, דאָס פּשוטע פֿאָלק, איז צו זיי נישט זוכה. עס פֿאָדערט זיך אויף דעם בילדונג, „קולטור".

ס׳איז פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט אַז „אַן אויג פֿאַר אַן אויג" איז אין „אַלטן טעסטאַמענט" (לויט דער קריסטלעכער טערמינאָלאָגיע) און איז דעריבער אין זייער ביבל די „הייליקע ביבל", ווי זי ווערט שטענדיק באַצייכנט אויף זייער הילע), און דעריבער טאָר מען דאָך פֿון דעם נישט חוזק. פֿאַראַן מסתמא צווישן פּשוטן פֿאָלק, בפֿרט ביי פּראָטעסטאַנטן, אַזעלכע וואָס לייענען דעם „אַלטן טעסטאַמענט" און ווייסן אַז די וואָרענונג וועגן „אַן אויג פֿאַר אַן אויג" איז אין חומש שמות אין קאַפּיטל 21 און אַז די עשרת־הדברות, די צען געבאָט, זענען אין דעם פֿריערדיקן קאַפּיטל און אַז ס׳איז פֿאַראַן דער הויך פֿון קדושה אין דעם, און אַז מען דאַרף לייענען די ווערטער און דערשפּירן דאָס ליכט וואָס איז אין זיי — אַז אָט־אַזוי ווי דיין אויג און דיין לעבן זענען דיר טייער און פֿאַרמאָגן פֿאַר דיר אַן אומענדלעכן ווערט, פּונקט־אַזוי זענען יענעמס אויג און לעבן אים טייער און פֿאַרמאָגן פֿאַר אים אַן אומענדלעכן ווערט.

יאָ, עס פֿאָדערט זיך בילדונג, „קולטור", מסוגל צו זיין צו אַנטפּלעקן די „נידעריקערע" עטיק פֿון דעם תלמוד כּלפּי די פּראָבלעמען פֿון אונדזער צייט, אויפֿן גרונט פֿון אַ ציטאַט, (פֿון צווייטן אָדער דריטן קוואַל) אַרויסגעריסן פֿון דעם טעקסט, אָן וועלכן ס׳איז רמז אויף אַנדערע וואַריאַנטן און נוסחאות, אַזוי־ווי עס וואָלט געווען לעצטגילטיק און אַבסאָלוט. אָט אַ שטייגער, אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל אין דער ניו יאָרק טיימס (זונטיק דעצעמבער 16) עצהט דזשאָרדזש באָל, וואָס איז געווען דער אונטער־סעקרעטאַר (וויצע־אויסערן מיניסטער) אין די אַדמיניסטראַציעס פֿון פּרעזידענט קענעדי און פּרעזידענט דזשאָנסאָן, אַז „לאָמיר (אַמעריקע) זיך נוהג זיין אין איינקלאַנג מיט אונדזערע אויסגעפּרוווטע טראַדיציעס, און נישט, ווי (דזשאָרדזש) שולץ לייגט פֿאָר, אַדאָפּטירן ווי אונדזער נאַציאָנאַלע פּאָליטיק דעם תלמודישן היתר: ׳אויב עמיצער קומט דיך דערהרגענען, איַל זיך צו און הרגע אים פֿריער׳". טעראָריזם איז אויך די טעמע פֿון דזשאָרדזש באָלס אַרטיקל און ער האָט תּרעומות צו דזשאָרדזש שולץ, אונדזער איצטיקער סעקרעטערי אָוו סטייט, וואָס האַלט אַז מדינת ישראל מעג דינען פֿאַר אַמעריקע ווי „אַ מוסטער פֿון דעם אופֿן ווי אַזוי אַ לאַנד פּרובירט צו באַלאַנסירן געזעץ און גערעכטיקייט און דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן קיום".

דזשאָרדזש באָל האָט זיך נישט צונויפֿגערעדט מיט ראָבערט מעקפֿאַרלין און ריטשאַרד העלמס, אָבער די קרובהשאַפֿט צווישן זיי אין דעם געביט איז אַ בולטע; זיי באַגעגענען זיך אידעאיש. פֿאַר ראָבערט מעקפֿאַרלין און ריטשאַרד העלמס איז די מאָראַל פֿון דעם „אַלטן טעסטאַמענט" משמעות צו פּרימיטיוו, און פֿאַר דזשאָרדזש באָל איז דאָס אויך חל אויפֿן תלמוד. אָנשטאָט אָט־דער מאָראַל, עצהט דזשאָרדזש באָל אַז אַמעריקע זאָל זיך נוהג זיין לויט „אונדזערע אויסגעפּרוווטע טראַדיציעס". וואָסערשע זענען די טראַדיציעס? פֿון וואַנען שטאַמען זיי? וועלכע מאָראַל האָט עס גורם געווען דעם איצטיקן אימהדיקן קריזיס אין דער מערבֿדיקער ציוויליזאַציע, אין דער גאָרער וועלט? נאָך אַלעמען איז דאָך דער „אַלטער טעסטאַמענט" אַ גלייכער שותּף צום „נייעם טעסטאַמענט" אין דער קריסטלעכער ביבל, און קריסטלעכע געלערנטע און דענקערס ווי טראַוועס הערפֿאָרד אין ענגלאַנד און דזשאָרדזש פֿוטמור אין אַמעריקע אין זייערע מאָנומענטאַלע ווערק וועגן פֿרושימדיקער ייִדישקייט האָבן באַשטעטיקט — אָט־דאָס וואָס זעלטענע געבענטשטע יחידים ווי יאָהאַן רויכלין (1455־1522) האָבן געוואָגט צו טאָן אין אַמאָליקע צייטן — אַז ס׳איז פֿאַראַן טיפֿקייט און חכמה און ס׳איז אויך פֿאַראַן אַ לויטערער הומאַניזם אין דעם תלמוד.

פֿאַרוואָס־זשע מערקט זיך אַ טענדענץ צו מינימיזירן די מאָראַל פֿון דעם „אַלטן טעסטאַמענט", אייגנטלעך פֿון ייִדישקייט? ווי פֿאָרט זיך עס מיטן געדאַנק פֿון אַ יודעאָ־קריסטלעכער טראַדיציע וואָס ווערט אַזוי אָפֿט באַטאָנט? דער איינפֿאַכסטער ענטפֿער איז אַז ס׳איז אַ היינטיקער גילגול פֿון דעם וואָס איז אין תּוך אַנטיסעמיטיזם. ניין, לגמרי נישט. דאָס איז אַן אויבנאויפֿיקער און סטערעאָטיפּישער ענטפֿער. די סיבות זענען סובטילער און זיי זענען פֿאַרוויקלט אין דעם גייסטיקן געוועב פֿון אונדזער ציוויליזאַציע...

ד״ר עוזיאל נאַקס

# די סכנה פון האַלבע אמתן

## (אַ מאָדנער צוגאַנג צום ענין פון טעראָריזם)

— 1 —

עס איז אַודאי נישט קיין נייעס אַז מען הערט אויף טעלעוויזיע און מען לייענט אין דער פּרעסע פון צייט צו צייט באַמערקונגען און ידיעות וועגן ייִדן און ייִדישקייט וואָס זענען אומפּינקטלעך, פאַרגרייזט, אָדער סתם מאָדנע, און אין די ערגסטע פאַלן, קאַריקאַטורן, פאַרקרימונגען, און אַפילו אין גאַנצן פאַלש. אין דער סאַמע שענדלעכסטער קאַטעגאָריע געהערן ציטאַטן פונעם תנ״ך און תלמוד — געווינטלעך נישט דירעקטע, נאָר פונעם צווייטן אָדער דריטן קוואַל — אַרויסגעריסן פון זייער אינהאַלט אין טעקסט, און אויך איזאָלירט און פאַרפרעמדט פון דער היסטאָרישער ראַם אין וועלכער דער געדאַנק אָדער פּרינציפּ איז פאַרוועבט מיט אַנדערע, און ערשט דעמאָלט לאָזט ער זיך פאַרשטיין אין זיין פולקייט און עכטקייט.

אַט־די קאַטעגאָריע איז די מטושטשדיקסטע, וואָרים פּסוקים, זאַצן און ציטאַטן, אַפילו ווען זיי ווערן פאַראַפראַזירט, נישט איבערגעגעבן אות באות, פאַרמאָגן דאָך לפּחות אַ ברעקל אמת, אַ שאָטן פון דעם אמת, און ס׳איז זיכער פאַראַן אַ טעם אין דער פאָלקישער חכמה אַז אַ האַלבער אמת איז ערגער ווי אַ גאַנצער ליגן, איז מה־דאָך אַ פערטל־אמת. שכל ליגט אין דעם: אויב ס׳איז אַ גאַנצער ליגן קאָן מען אים אויפדעקן און אַנטאָפּן און באַווייזן פאַר די וואָס האָבן אַן אָפענעם מוח און אָפענע אויגן, און פאַר די וואָס ס׳איז זייער כוונה זיך צו באַנוצן מיטן ליגן צוליב בייזוויליקייט וועט דאָך סיי־ווי קיין שום ראיה נישט העלפן; אָבער דער האַלבער ליגן וואָס פאַרמאַסקירט זיך מיט אַ ברעקל אמת איז ביכולת צו פאַרבלענדן די אויגן פון מענטשן וואָס זענען אין פלוג ערלעך אָבער נאַאיוו, אפשר תמימותדיק, אָדער נישט באַהאַוונט אין דער זאַך.

אַנומלט איז געווען אַ קליינער שטורעם אין שייכות מיט איינעם פון אַט־די האַלבע אמתן. דער רעזולטאַט איז געווען, פון איין זייט שאַבלאָן און שטות, און פון דער צווייטער זייט אַ נייער נוסח פון דעם אַלטן פּזמון אַז קריסטנטום איז די רעליגיע פון ליבע וואָס דערגרייכט שלמות, פּערפעקטקייט אין דעם „נייעם טעסטאַמענט״ (דער „ברית חדשה״) און ייִדישקייט איז די רעליגיע פון גערעכטיקייט וואָס באַקומט איר אויסדרוק אין דעם „אַלטן טעסטאַמענט״ (לויט דער קריסטלעכער טערמינאָלאָגיע, אָבער וואָס איז ביי ייִדן דער אייביקער און הייליקער תנ״ך). די סומאַטאָכע איז געווען וועגן דעם וואָס ראָבערט מעקפאַרלין, פּרעזידענט רייגענס ממונה און געהילף פאַר ענינים פון נאַציאָנאַלער זיכערקייט, זאָל האָבן געזאָגט ביי אַ קאָנפערענץ וואָס האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלן טעראָריזם: „די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט קיינמאָל נישט זיין אַזוי גיך ווי ס׳איז מדינת ישראל אויף צוריקשלאָגן קעגן טעראָריזם, מחמת די פאַראייניקטע שטאַטן איז נישט קיין „אַלטער טעסטאַמענט געזעלשאַפט״ וואָס גלויבט אין „אַן אויג פאַר אַן אויג״ און ׳מיר האָבן אַ נייעם טעסטאַמענט אין דעם לאַנד׳ (די פאַראייניקטע שטאַטן)״.

אין דעם באַריכט אין דער צייטונג (לאָס אַנדזשעלעס „טיימס״, נאָוועמבער 12) איז מעקפאַרליינס נאָמען נישט דערמאָנט געוואָרן, און אין דעם וויכוח אַרום דעם — טעאָדאָר מאַן, דער פּרעזידענט פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס, האָט געפאָדערט אַן אויפקלערונג — איז די רייד כסדר געווען וועגן אַן ערשט־ראַנגיקן (דאָס ענגלישע וואָרט: סיניאָר) באַאַמטן פון ווייסן הויז. מעקפאַרלין האָט זיך לחלוטין נישט אָפּגערופן אָבער אַן אַנדער באַאַמטער, אַ קאַפּעלע קלענער אין סטאַטוס, האָט אָפּנים נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וועגן דעם עיקר פון דעם סיכסוך, וואָרים ער האָט די טענה פאַרענטפערט, אַקוראַט ווי עס וואָלט געווען גלאַט אַ מיספאַרשטענדעניש: אַז „ווען מעקפאַרלין האָט געזאָגט ׳אַן אויג פאַר אַן אויג׳ האָט ער נישט געמיינט דערמיט אַז דאָס לאַנד נעמט נישט אָן דעם אַלטן טעסטאַמענט נאָר אַז דאָס לאַנד גלויבט נישט אין דעם מאָמענטאַלן אָפּרוף אויף טעראָריזם׳. וואָס שייך דעם באַלדיקן אָפּרוף איז טאַקע דאָס קעפּל פון דעם באַריכט אין דער לאָס אַנדזשעלעס טיימס געווען אַט־אַזוי: „יו. עס. (פאַראייניקטע שטאַטן) שליסט ׳אויס אויג פאַר אַן אויג׳ בנוגע טעראָריזם; וועט קיינמאָל נישט צוריקשלאָגן אַזוי גיך ווי מדינת ישראל, זאָגט ערשט־ראַנגיקער (סיניאָר) באַאַמטער״.

איך חזר איבער: מעקפאַרליינס נאָמען איז נישט דערמאָנט געוואָרן אין דעם באַריכט אין דער צייטונג, אָבער מיט דעם וואָס די באַאַמטע פון ווייסן הויז האָבן דעם אינצידענט פאַרענטפערט אויף זייער נישט־געראָטענעם אופן האָבן זיי דאָך מודה געווען אַז ער איז געווען דער בעל־דבר.

אַן ערך אַ וואָך נאָך דעם איז מיר אויסגעקומען צו הערן דירעקט, בפועל ממש אויף טעלעוויזיע — נישט לייענען אין אַ באַריכט ווו דער נאָמען פון דעם מענטשן ווערט נישט אָנגעגעבן — ענלעכע אומגעלומפּערטע באַמערקונגען, ווו און ווי אַזוי? ס׳איז פאַראַן אַ פיינע און ערנסטע פּראָגראַם אויף דער טעלעוויזיע־סטאַציע עי. בי. סי. פון 11:30 ביז 12 ביינאַכט אין משך פון די וואָכעדיקע טעג, וואָס ווערט אָנגעפירט פון טעד קאָפּעל. אין דער פּראָגראַם פון דעם 20־סטן נאָוועמבער האָבן

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע אויסגאבע

אדרעס פון רעדאקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

יוני־יולי 1985 נומער 3 (47) מעלבורן, אויסטראליע


## זיין און באוווסטזיין

אין דער יוגנט, ווען וועלט־באגריפן האבן זיך פאר־מולירט לויט פראזן, האבן מיר געהערט אז: דאס זיין באַ־ווירקט דעם באוווסטזיין.

ווען מיר זאלן דעם דאזיקן פילאסאפישן בגד אנמעסטן אויפן יידישן פאלק, וועט זיך ארויסווייזן, אז דער בגד פאסט נישט.

מען דארף בלויז אריינקוקן אין שפיגל פון דער צייט. דאן קאן מען זען, אז זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה געניסן יידן אין דער מערב־וועלט פון אלע מעגלעכע פרייהייטן: פאליטישע, עקאנאמישע, אינטעלעקטועלע. זיי זענען פארטראטן אין כמעט אלע ווירטשאפטלעכע צווייגן, אין די פרייע פראפעסיעס, אין דערציאונגס־סיסטעם.

דער עקאנאמישער מצב פון די יידן איז א סך בעסער, ווי ער איז געווען א מאל אין מזרח־אייראפע. דאס מיינט, אז דער זיין איז א צופרידנשטעלנדיקער.

האט דאך דער באוווסטזיין — לויט דער טעאריע — געדארפט באווירקט ווערן פון זיין?

אבער עפעס שטימט דא נישט.

ווען דער יידישער זיין אין מזרח־אייראפע איז תמיד געשטאנען אונטער א פראגע־צייכן הן פאליטיש (צוויט־ראנגיקע בירגער) הן עקאנאמיש (באגרענעצט צו ענגע אינדוסטריעלע ראמען) איז במילא דער לעבנס סטאנ־דארט געווען א סך נידעריקער ווי ער איז עס היינט — איז אבער דער נאציאנאלער באוווסטזיין געווען אקטיוו.

די יידישע שפראך האט דערגרייכט די מדרגה פון א וועלט־שפראך אין אירע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, אין די ברייטע האריזאנטן פון שעפערישער ליטעראטור.

שפראך און קולטור איז געווען די פארם פון אידענ־טיפיצירן זיך ווי א פאלק.

מיטן אנטשטיין פון מדינת ישראל האט דאס יידישע פאלק אין דער וועלט אראפגעווארפן פון זיך דעם יאך פון נאציאנאלן באוווסטזיין, און עס ארויפגעלייגט אויף די פלייצעס פון דער מדינה. זי — די מלוכה — מיט איר בלויזער עקזיסטענץ ווי א יידישע מדינה, האט באפרייט דעם אינדיווידועלן יידן פון זיין פליכט פון זארג פארן יידישן קיום — אין קולטור־גייסטיקן זין.

פון אט דער דיספראפארץ צווישן זיין און באוווסטזיין לײדט אממערסטן די יידישע קולטור.

די מינימאלסטע קולטור־באדערפעניש פון א מענטש איז א צייטונג. דאס איז אזוי נאטירלעך, אז עס איז אפילו נישט נויטיק דאס צו באמערקן.

אבער ווען עס קומט צו א יידישער צייטונג, ווערט די נאטירלעכע באדערפעניש פארוואנדלט אין א פראב־לעם. דער זיין דערלויבט א יידן צו קויפן א יידישע צײ־טונג, אויב אפילו דאס זאל זיין נישט מער, ווי א זשעסט פון אידענטיפיקאציע.

ראנגלען זיך די יידישע צייטונגען אין דער וועלט־מעטראפאליע ניו־יארק פאר זייער עקזיסטענץ, שוין אפ־געהערט ביי אונדז אין מעלבורן, וואס פארמאגט נישט מער ווי איין וואכן־צייטונג.

אפילו אונדזער זשורנאל וואלט נישט געקאנט דער־שיינען, ווען די „קדימה" וואלט נישט געדעקט די דע־פיציטן וועלכע זענען גאנץ באדייטנדיקע.

קאן דער יידישער זיין אין א שטאט ווי מעלבורן זיך נישט דערלויבן אויסהאלטן א יידישן זשורנאל, וועלכער דערשיינט בלויז 5 מאל אין יאר?

דער טרויעריקער פאקט בלייבט אבער — אזוי ווי ער איז: די קולטור־באדערפענישן פון ייד — אין יידיש — איז אויסער דער ארביטע פון זיין טראכטן, פון זיין באַ־ווּסטזיין.

דאס אויפהאלטן די שפראך, איר קולטור ווי אן אויס־דרוק פון פאלקס־אייגנטום האט מען איבערגעלאזט פאר איינצלנע ענטוזיאסטן.

די יידישע פרעסע, דער זשורנאל איז אונדזער צונג, אונדזער גייסטיק פנים.

א פאלק, ווי א מענטש — וויל האבן זיין אייגענעם פנים, און וויל לאזן הערן זיין אייגענע שטים. פאר אט דער מעגלעכקייט קעמפן די יידן אין רוסלאנד, און באַ־צאלן דערפאר מיט תפיסה.

דארפן מיר — וואס קאנען פריי און אפן טראגן אונדזער פנים און זאגן אונדזער ווארט — זיך פרייוויליק אפזאגן פון דער פריווילעגיע, צוליב קמצנות?

ווילט זיך דווקא זיין אפטימיסטיש און טראכטן, אז מיר פארמאגן דאך א געזונטן קערן, וואס קאן פארבינדן דעם זיין מיטן באוווסטזיין לטובת ווּיכטיקע צילן אין אויפהאלטן אונדזער קולטור אייגנארטיקייט ווי א פאלק צווישן פעלקער.

מ. א.

BURSTIN GALBIN & ASSOCIATES

*CERTIFIED PRACTISING ACCOUNTANTS*

•

582 ST. KILDA ROAD, MELBOURNE 3004

Phones 51 8409, 51 3078

בורשטין און גאַלבין

*Elpin*

CONTINENTAL KNITWEAR PTY. LTD.

Incorporating LA PIETA

Ch. Lewenberg, Director

621A SWANSTON STREET, CARLTON, VICTORIA 3053

P.O. BOX 180, SOUTH CARLTON 3053

Telephone 347 5563, 347 3010

DORMAX SHOES PTY. LTD.

SAM DANSIGER, Managing Director

•

17-21 LITTLE OXFORD STREET, COLLINGWOOD 3066

Telephone 419 5947. A.H. 596 4006

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאַלט:


מ.א. — זיין און באַוווסטזיין ............ 1

ד״ר עזריאל נאַקס — די סכנה פון האלבע אמתן ............ 2

שלום ג. — וואָס, אָן ישראל? ............ 4

יעקב ראָזענבערג — צוויי לידער ............ 5

י. ראַפּאָפּאָרט — צוריק צום אַלטן סגד־היום? ............ 6

לאה ראָבינסאָן — אַבי — ליד ............ 7

שמואל עצמון — באַצאָלט געלט, כדי צו ווינען הינטער שטאַכעטן ............ 8
פון עברית: הערשל באַכראַך

י. מ. לעווין — מאַרק שאַגאַל — דער מאָלער־פּאָעט ............ 10

י. קאַפּע — קאָנסומיר־געזעלשאַפט און קונסט ............ 11

ש. שוואַרץ — אין קאָולפילד פּאַרק — אַ בילדל ............ 12

מאַרק בעזובני — דער מאַן אין צווישן — דערציילונג ............ 14

פּאַול דזשאָנסאָן — פּעטראָווס בוך „די אימפּעריע פון שרעק״ ............ 19


פּרייז: 2 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה״ אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נר. 3 (47) — יוני־יולי 1985